STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04669

BLETER-FAL-

Hayah Fedler

Permanent preservation of this book was made possible
by Robert & Eleanor Miller
in memory of
her parents, Sarah & Israel Shapoff

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

S. FEDLER & CO.

P.O. BOX 8986
JOHANNESBURG
SOUTH AFRICA

1 9 5 4

חיה פערלער

בלעטער־פאַל...

ווי פֿאַרוועלקטע בלעטער — די יאָרן
ליגן צעשאָטן ביים וועג,
אין האַרצן איז האַרבסטיק געוואָרן
און טריבער ווערן די טעג...
נאָך שיט די זון אירע שטראַלן,
זיי פֿאַלן קאַלט צו מיינע טריט,
איך פֿיל די נאַכט וועט באַלד פֿאַלן
און וועט פֿאַרוויגן מיין געמיט...

פאַרוואָס איך שרייב

כ'האָב מער קיין שוועסטער, קיין ברידער —
ניטאָ וועמען שרייבן — שרייב איך לידער.
אין מיין הארץ טיפער טרויער זיך פארקליבן,
ווייל קיינער פון מיינע טייערע איז מיר פארבליבן.
איז אָט דעם אומעט און פיין
וועב איך אין מיינע שורות איין.
קומען לידער פון צעוויייטאָקטן האַרצן,
טרויעריק געהילט אין שווארצן.
קענען זיי דען אנדערש זיין
פון אַ האַרץ פול מיט פיין?...

מאַמע־לשון *)

ס׳איז צו מיר אַ פריינט געקומען —
אין האַרצן שפּאָט, אין האַנט מיט בלומען...
זיך געמיט פאַנאַנדערקלייבן,
ווי ס׳קומט צו מיר דאָס שרייבן?

זאָל ביי קיינעם זיין קיין חידוש,
אויב ס׳קלינגט ניט שיין מיין אידיש
און פּראָזאַאיש איז טעמאַטיק,
אָפט הינקט אונטער די גראַמאַטיק,
ווייל די ווערטער דאָ אין גראַמען —
איז דאָס אידיש פון מיין מאַמען,
קיינער האָט מיר זיי געגעבן —
אליין גענומען פונעם לעבן.

די נויט אַליין געווען מיין לערער
פון אַ לעבן — ארבעט שווערער...

---

*) געדרוקט אין חודש־זשורנאַל „דרום־אפריקע״, מערץ, 1953.

צום דערשיינען פון „שטילע געזאַנגען“.

פאָרוואָרט

דער צוועק פון ארויסגעבן דאָס בוך „בלעטער־פאַל" איז צו פאַר־אייביקן דעם ליכטיקן אָנדענק פון מיין פרוי און חבר ע"ה, וועלכע איז פון מיר אוועקגעריסן געוואָרן אין אירע בעסטע יאָרן, דעם פערטן טאָג חול־המועד סכות, תשי"ד (29־טן סעפּטעמבער, 1953).

דאָס בוך האָט, אייגנטלעך, געזאָלט אָנגערופן ווערן „פרוכט פון שטילע געזאַנגען" — צוליב אייניקע טעמים:

1) ווייל דאָס ביכעלע „שטילע געזאַנגען", וועלכע איז דערשינען צו אונדזער פינף און צוואַנציק יאָריקן יובילייו פון אונדזער חתונה, האָט געהאַט זייער אַ ווארעמען אָפּקלאַנג, און אין רעזולטאַט פון דעם האָבן מיר געהאַט פאַרטראַכט ארויסצוגעבן א פאמיליען־אלבאָם צו אונדזער דרייסיק־יאָריקן יובילייו.

2) דאָס דערשיינען פון „שטילע געזאַנגען" האָט מיין פרוי ע"ה פארשאַפט א סך פאַרגעניגן און אינספּיראַציע. זי איז זינט דאַן געוואָרן מער שעפעריש און האָט זיך אָפּגערופן אויף יעדע געשעעניש לויט איר אייגענעם באַשיידענעם אופן.

דאָס זיינען אירע שורות צום דערשיינען פון „שטילע געזאַנגען":

„מיט זילבער מתנות פול מיין הויז
אָון צווישן זיי אַלע שיינט ארויס
מיין ביכל לידער — דין און קליין,
ביי מיר אין האַרצן טייער שיין.
שטייט באַשיידן אָן אַ זייט —
שעמט, אַפּנים, זיך פאַר לייט,
ווי מיט אַראָפּגעלאָזטן בליק —
האָט שטאַרק מורא פאַר קריטיק...
שימערט מתנות שיין און רייך,
צו זייער גלאַנץ איז קיין זאַך גלייך.
ס'וועלן יאָרן זיך פאַרגיין
און זילבער וועט אַלץ נאָך שטיין,
ביז צייט וועט מאַכן עס שטויביק־שוואַרץ
בלויז לידל מיינס נאָך פינקלען וועט אין אַ האַרץ..."

3) אין דעם בוך גייען אריין אַלע לידער פון „שטילע געזאַנגען״, ווי אויך אזעלכע, וועלכע זיינען אין דער ערשטער אויסגאַבע אויסגעלאָזן געוואָרן, און אנדערע שאַפונגען פון אירע לעצטע צוויי מיט אַ האַלב יאָר.

ליידער איז איר ליד געוואָרן איבערגעריסן אין מיטן... זי האָט געשפּירט, אז אירע כחות פאַרלאָזן איר, און אירע „שטילע געזאַנגען״ קומען צו אַ סוף — האָט זי פאַרלאַנגט דאָס בוך אָנצורופן „בלעטער־פאַל״, לויט אירע שטימונגען און מאָטיוו:

„ווי פאַרוועלקטע בלעטער — די יאָרן
„ליגן צעשאָטן ביים וועג.... א.א.וו.

(די צייכענונג פון שער־בלאַט איז פון אונדזער פּערצן־יאָריקן זון, דוד, לויט אירע מאָטאָ־שורות).

אזוי ארום איז אונדזער חלום ארויסצוגעבן אַ פאַמיליען־אַלבאָם „פּרוכט פון שטילע געזאַנגען״ צערונען געוואָרן, און דעריבער — „בלע־טער־פאַל״.

מיין באַציאונג און מיינונג וועגן דעם ווערט פון די שאַפונגען זיינען די זעלבע ווי פון „שטילע געזאַנגען״, וועלכע דער לעזער וועט געפינען אין די אויסצוגן פון דער פּרעסע, וועלכע איז צוגעגעבן אין די לעצטע זייטן פונם בוך. (ז״ז 110—114).

די לידער „פאַרוואָס איך שרייב״ און „מאַמע לשון״ זאָלן דינען אלס לייט־מאָטיוו, ווייל דאָס ערשטע, וועלכע איז דערשינען אין „שטילע געזאַנגען״ איז אנערקענט געוואָרן ביי יעדן איינעם און דאָס צווייטע באַטראַכט איך אלס חיה׳ס „מיין ליד״. זאָל, דעריבער, דאָס בוך אָפּ־געשאַצט ווערן אינם ליכט פון די אויבנדערמאָנטע לידער — דאַן וועט דער לעזער פאַרקוקן די טעכנישע חסרונות, וועלכע זיינען אין דער אויס־גאַבע, בלי ספק, פאַראַן.

היות, אזוינס וואָס הייסט שלמות איז בכלל ניט בנמצא, איז פאַר מיר באַזונדערס זייער פיינלעך דער פאַקט, וואָס דאָס בוך אַנטהאַלט ניט קיין ווידמונג פון דער מאַמע׳ן צו אונדזער עלטערן זון מאָטל, אזוי ווי פאַר רחל׳ן און דוד׳ן אין דער גרופּע „פאַמיליען אַלבאָם״ (ליידער האָט זי דאָס ניט באַוויזן צו שאַפן).

אַ דאַנק מאָטל׳ס מיטאַרבעט (אויך אַ בחורל הזעצער) איז פאַר מיר מעגלעך געוואָרן ארויסצוגעבן דאָס בוך. דעריבער האָב איך זיך ער־לויבט צוצוגעבן מיינע אַ בלעטל זכרונות געווידמעט מאָטלען צו זיין בר־מצוה, וועלכע איז זיינער צייט דערשינען אין דער „אַפריקאַנער אי־דישע צייטונג". (ז״ז 100—103).

די גאַנצע הכנסה פון דער אויסגאַבע איז לטובת דעם פאַראייניקטן ישראל אַפּיל, און זאָל מיט דעם ביישטייער ליכטיקער נאָמען ווערן פאַראייביקט בתוך שאר בוני ציון וירושלים.

א. ש. פ ע ד ל ע ר.

גראָע קאַנווע

אין גראָער קאַנווע פונעם לעבן
וועב אריין שיינע קאָלירן —
מוט און פרייד וועט דיר דאָס געבן,
וועסט די וואָכיקייט ניט שפּירן...

ווייל די זון — זי שיינט נאָר שעה׳ן,
אָוונט פאַלט באַלד צו א מידער,
ס׳הויבט דער קאָפּ באַלד אָן צו גראָען,
ס׳ווערן אויסגעשעפּט די גלידער.

טאָ מאַך אליין דעם לעבן שענער —
באַפּוץ מיט צאַרטע נשמה־טענער...

פרילינג מאָטיוון

דער פרילינג איז געקומען
אויף דער שיינער וועלט,
באַצירט מיט שיינע בלומען
דעם וואַלד און אויך דעם פעלד.

אָנגעהויבן זיך צעבליען,
וואָס געווען פאַרדאַרט —
די אומעטיקע בוימער
זיינען ווידער צאַרט.

די זון שיינט העל ארונטער
ווי פון הימל־טראָן.
אַ קינד ווייזט דעם צווייטן: —
„זעסט, דער שטאָרך קומט אָן".

די פויגעלאַך זיי זינגען
זייער פרילינגס־ליד —
איך ליב זיך איינצוהערן
דאָס מאַכט מיר קיינמאָל מיד.

— — — — — — —

דער פרילינג און די יוגנט
זיינען ביידע גלייך —
ס׳פאַרלויפט דער שיינער זומער,
ס׳פאַרפרירט דער שטראָמיק־טייך.

אויך פאַרלויפט די יוגנט,
מ׳קוקט זיך קוים ארום —
ס׳פאַרוועלקט די פרישקייט
פונעם לעבנס־בלום...

דאָס שענסטע אינעם לעבן
איז די יוגנט־צייט —
נאָר שאָד, ניט לאַנג ס׳דויערט —
דער קבר שטייט ניט ווייט...

1920.

* * *

ווידער טוט דער פרילינג קומען —

גרינע גראָזן, פרישע בלומען.

פרישע רעגנס ווען פאַלן —

און די זון טוט ליכטיק שטראַלן.

פויגל בויען נעסטן ווידער,

זינגען נייע פרילינגס לידער.

איך ווערט ליכטיק מיין געמיט

און איך פריי זיך מיטן פרילינג מיט.

עפעס ברענגט עס צו מיין טיר —

האָפענונג נייע גיט עס מיר.

און איך נעם זיך אָן מיט מוט —

ניט געזאָרגט זיך — ס'וועט זיין גוט...

שיינע צייט

פריש איז די לופט און הימל איז ריין —
ס׳הויבט שוין אָן לעבן דער גאָרטן,
ס׳איז די נאַטור אין פרילינג גאָר שיין —
בלומען אַלערליי דאָרטן.

די בוימער הויבן אָן דאָרט צו בליען,
וועלכע האָבן פאַרקליידט זיך אין גרינעם.
די לוסטיקע פויגעלעך קומען צו פליען —
דאָ זייער גליק צו געפינען.

זיי בויען זיך נעסטן ווידער נייע,
מיט שטאָלצע פרעכטיקע טענער,
זיי הילכן זיס אין דער לופט דער פרייער,
ס׳קלינגט וואָס אַמאָל, וואָס שענער.

מיר דוכט זיך איך זע די לידער ארומשוועבן
מיט אַ שטימע דערביי וואָס שרייט: —
„די פראַכט איז פאַר אַלע, פאַר אַלע וואָס לעבן —
דען לעבט און געניסט אין דער צייט...״

מעליטאָפּאָל, 1920.

*　　*　　*

שיין איז דער פרילינג געווען,
זיי האָבן זיך פריילעך פאַרבראַכט —
זי האָט אין אים אינטערעסאַנטעס געזען,
ער האָט איר קאָמפּלימענטן געמאַכט...

גיך איז דער זומער געקומען
מיט הייסע ברענענדע טעג,
בײדע טראָגן אין האַרצן אַ קומער
און זוכן צו ליבע אַ וועג.

און ס'האָט זיך געוואַגט דאָס מיידל
צו זאָגן „איך ליב דיך געטריי"
שטאַרק זיך פאַרשעמט האָט דער בחור
צו הערן וואָס ס'וואַגט זיך אַ פרוי.

ווי טאָר זיך אַ פרוי גאָר וואַגן
און זאָגן וואָס אין האַרצן ר'קוועלט —
„געזעלשאַפט" וועט דערויף געוויס זאָגן:
„ניט אזוי פירט זיך די וועלט".

ס'מוז די וועלט פּראָגרעסירן
און גיין אויפן וועג וואָס איז ניי.
ס'פּאַסט ניט, גענוג זיך מאַסקירן —
מען מוז לעבן און ליבן נאָר פריי...

מערץ, 1923.

רעגן *)

טרוקן פעלדער, גערטנער, וועגן —
שמאַכטן, וואַרטן אויפן רעגן.
שעפּטשען גראָזן צו די בלומען:
„ווען וועט שוין דער רעגן קומען?"

דאָס קלענסטע בלימעלע אפילו
בויגט צום ווינט זיך מיט אַ תפילה:
„זע, ס'טריקעניש — סכנות,
ברייננ שוין רעגן, האָב רחמנות!"

נעמט דער ווינט פאר זיי זיך שעמען,
קען ניט דאָס בעטן ניט פאַרנעמען,
הויבט מיט שטורעם אָן צו בלאָזן
איבער בוימער, איבער גראָזן.

קומען וואָלקנס שוואַרצע, שווערע
מיט יעדער מינוט שווערער, מערער;
הייסע זון איז שוין באַהאַלטן
הויבן וואָלקנס אָן זיך שפּאַלטן...

גיסט מיט ברכה שוין אַ רעגן,
— שמעקט מיט שפע אויף די וועגן...

---

*) געדרוקט אין „אַפריקאַנער אידישע צייטונג", 31־טן אָקטאָבער, 1952.

האַרבסט מאָטיוון

אומעטיק אין דרויסן,
ס׳הערשט אַ קאַלטער ווינט —
פאַרוויסט די בוימער שטייען,
ווי פאַריתומ׳ט קינד.

דער ווינט רוישט דורך די צווייגן
שטורעמט און עס קראַכט —
די געלע בלעטער פאַלן,
האָבן ניט קיין מאַכט.

ניטאָ די גרינע בלעטער —
אומעטיק ארום,
מ׳זעט שוין ניט קיין רויזן
מ׳זעט שוין ניט קיין בלום.

און דער בייזער האַרבסט־ווינט
רוימט אַ סוד אריין:
„ניט מיינט איך בין דער ערגסטער —
ווינטער וועט נאָך זיין״.

איז פאַרדראָסיק אויפן האַרצן,
אומעטיק, ס׳פעלט,
נו, גיי דיר האַרבסט דיין וועג
און שרעק ניט אָפּ אַ וועלט.

באַלד וועט פרילינג קומען
מיט בליאונג פונדאַסניי —
מיט פרייד וועלן מיר דערוואַרטן
דעם שיינעם פרילינגס־מאַי.

האַרבּסטיקע שטימונגען

ס׳איז דער האַרבסט שוין אָנגעקומען —
געלע בלעטער, פאַרוועלקטע בלומען.
דער ווינט א שאַרפער דורך די צווייגן —
שניידיק רוישט, וויל ניט שווייגן.
ס׳קאַרגט די זון שוין אירע שטראַלן —
צופיל שיינען — ניט קיין בעלן...

— — — — — — — — —

האַרבסט איז אויך אין האַרץ ביי מיר —
זומער ווייט שוין פון מיין טיר
פאַרמאַטערט ס׳זיינען אַלע גלידער
און דער קאָפּ ווערט אלץ מידער,
אויך דאָס שיין פון מיינע אויגן
ווערט שוין טונקל, ווערט פאַרצויגן.

— — — — — — — — — — —

האַרבסט וועט לאַנג ניט בלייבן דאָך,
ווינטער, פרילינג... — קומט דערנאָך.
אָבער האַרבסט — אין האַרצן מיין
וועט ניט אוועק — וועט אייביק זיין...

אַ ווינטער נאַכט

כ׳זע א שיינע ווינטער-נאכט
און ווער פארכישופט פון איר פראַכט,
ארום, ארום באַדעקט מיט שניי,
ווי ברילי‌אַנטן שיינען זיי.

וואו איך שטעל נאָר מיינע פיס,
הער איך סקריפּען הילכיק זיס.
געמאַכט האָט דאָס דער פראָסט אזוי
און באַצירט דעם צאַרטן שניי.

ווי אויגן — שטערן ווינקן מיט חן,
ס׳שיינט לבנה אומשולדיק ריין,
ס׳איז געטלעכקייט אינם פראַכט,
פאַרכישופט ווער איך פון אַזאַ נאַכט.

מעליטאָפּאָל, 1920

ביים ים

ווי גרוי־בלויער זיידנס דער ים איז באצויגן —
ס׳שימערט, ס׳רונצלט — ס׳ציט צו די אויגן.
די כוואַליעס זיך יאָגן איינער נאָך צווייטן,
מיט רוישיקן שוים אויפן ברעג זיך צעשפּרייטן.

קומט אָן די נאכט — איז כישוף פאַרשפּרייט,
אין פינצטער געהילט איבער לייַנג און דער ברייט.
קומט ווען א שיין פון לבנה ארויס —
באלויכט עס א כוואליע, ס׳לויפט און גייט אויס.

אַ לייכט־טורעם ווינקט פון ווייטן צום ברעג,
וואָס מיינט צו ווייזן שיפן דעם וועג.
איך זיץ אליין ביים ים און טראַכט,
ווי שיין איז נאַטור, ווי שיין איר פּראַכט.

אין דערבאַן

פונעם פענצטער, פון האָטעל
גלאַנצט דער ים דאָ ליכטיק העל;
קאָכט און ברויזט אזוי דער ים,
ביי די ברעגעס — שלאָגט מיט שוים,
ווי עס וואָלט אין געהיים —
וועלן אַנטלויפן פון זיך אליין...

* * *

גרויסער ים — אזוי ווי דו
ברויזט מיין האַרץ — גיט קיין רו.
און עס כוואַליעט אין געדאַנק:
ווערסט שוין אַלט, בינסט שוין קראַנק.

שטילע פונקען

שטילע פונקען פון נשמה פייער —
הייליק־ליב איז מיר און טייער,
וואָס אויף לעבנסוועג צונויפגעקליבן —
אַ שנירל פערל מיר פאַרבליבן.
אָפּט געוויקט אין אייגן בלוט —
באַפאָרבן ס׳זאָל אויסזען גוט.
באַלויכטן מיט קלאָר־געדאַנק,
און באַזוניקט מיט געזאַנג.

וועלן ווי פונקען אין לעצטע טעג
באַלויכטן מיר מיין לעבנס־וועג...

זון — ניט פאַרגיי... *)

איך גיי אין מיטן וועג...

נאָך ווייט ליגט דער ברעג...

נאָר זון וויל פאַרגיין...

אין מיטן — מיך לאָזן שטיין..

נאָך פליכטן גאָר פיל —

ביזן ענד פון מיין ציל.

זון — ניט פארגיי! ניט דערשרעק!

נאָר באַלייכט מיר מיין וועג...

*　　*　　*

איך ענדיק מיין גאַנג...

אין האַרץ מיט געזאַנג.

---

*) „שמש בגבעון דום". (יהושע, קאַפּ. י').

ליכט און שאָטן

ליכט און שאָטן — גייט צוזאַמען,
ווי צוויי קינדער פון איין מאַמען:
אַ טראָפּן פרייד — אַ בעכער פּיין,
וואָלקן דאָרט, וואו זונען־שיין...

זעסט אַ קינד מיט בלאָנדע לאָקן,
קוקסט זיך אום — און שוין א זקן...
אַלץ איז נישטיק און פאַרגייט,
ליכט און שאָטן — לעבן, טויט...

אַפּריל, 1953.

אַ מאָדנע וועלט

מיר לעבן אין אַ מאָדנער וועלט,
אַז מען באַקלערט — כאַפּט אָן אַ „קעלט״.
אלץ מען לויפט, אלץ מען ראַשט —
דאָס לעבן יאָגט, ס׳איז אַלץ אין האַסט.

ס׳האָט אַ פריינט פאר דיר קיין צייט,
ער וואוינט פון דיר דאָך אזוי ווייט.
קומט מען, ווען שוין, דאָ צו גאַסט —
איז אויף א ווײַלע — אַלץ אין האַסט.

ווילסט זיך דורכריידן ? — ניט דריי אַ קאָפּ
בקיצור מאַך עס — „האַרי אַפּ !״
עס קאָכט, עס יאָגט אין אונדזער צייט
און דער קבר שטייט ביים זייט...

די וועלט — אַ יאַריד

די וועלט — אַ יאַריד — מען קומט, מען גייט,
ס׳פלאַקערט אַ האַנדל אויף לעבן און טויט . . .
געקויפט און פאַרקויפט ס׳ווערט אַלץ פאַר געלט,
אזוי ווי אויף דעם נאַר — געבויט איז די וועלט . . .

נאָך כבוד מען שטופט זיך, מען שטעלט זיך אין ריי,
וואָס מערער מען קויפט — אלץ ווייניק איז זיי.
ברייננגט איינער א „סחורה״ — האַרץ, געפיל,
שטייט ער דערמיט באַשיידן און שטיל.

האָט אים אין טומל קיינער דערזען,
אַרט ניט קיינעם וואָס מיט אים וועט געשען.
ס׳פעלט אים די חוצפה זיך שטופן גאָר שטאַרק —
גייט ער אַנטוישט מיט זיין „סחורה״ פון מאַרק . . .

* * *

איך גיי מיר צופרידן פון טומל צוריק —
טראָג זיך אין האַרצן פערזענלעכן גליק . .

* * *

וואָס אַוועק איז אַוועק —
דאָס אַרט מיר ניט מער,
נאָר דעם טאָג, וואָס מ׳לעבט -
פאַרוואָס אזוי שווער ?

און קורץ איז דער וועג
און ווינציק דער זיין,
דאָך זיינען די טעג
מיט ליידן און פיין.

ס׳לויפן די יאָרן,
צו דעם זיי געגרייט,
פאַרן ווערן געבאָרן —
ווערט באַצאָלט מיטן טויט...

אַנטוישונג

ס׳האָט פון אייביק געטליעט א חלום א שטילער —
דערפרישט נשמה, ווי א ווינטל א קילער.
איז פאַנטאַזיע דערמיט געפלויגן אין הויכן
צו די הימלען, וואָס ניט צו דערגרייכן.
פּלוצלינג האָט וואָר באַגעגנט ווי שטיינער,
צעפּיצלט געוואָרן דער חלום דער שיינער.
צעבראָכן דער חלום אויף אַ האַרץ —
ס׳טונקלט די ליכט — ארום אַלץ איז שוואַרץ...

א טרייסט אזא...

ס'האָט דער גורל, אומפאַרהאָפט,
דיך גענומען און באַשטראָפט
און אַ קלאַפּ אזא געגעבן,
אַז צעבראָכן דיין פּיצל לעבן.

מעגסט פאַרגיסן טייכן טרערן,
גאַנץ צוריק וועט שוין ניט ווערן.
קלייב צונויף די שטיקלעך, שערבלעך —
אַ טרייסט דיר בלייבט — ס'זיינען אלע שטערבלעך...

אין שפּיטאָל

שווער די שטילקייט דאָ, ווי וועכטער — די ווענט,
צום אייגענעם קאָפּ נאָר ס׳דערגרייכן די הענט.
מיטן אייגענעם ווייטאָק ליגט יעדער באַדעקט,
דער גאַנצער ארום — ס׳מאַטערט און שרעקט...

ווען ס׳קומט די נאַכט, געשלייערט אין שוואַרץ —
צאַפּלט און שרעקט זיך דאָס קראַנקע האַרץ.
אַ לעמפּל אַ מאַטער — וואַרפט טרויעריק שיין,
אזוי ווי ס׳וואָלט פילן דעם קראַנקנ׳ס פּיין...

די נאַכטיקע שטילקייט דעם שלאָף רויבט אַוועק —
ליגט מען אין וואַרטן אויפן מאָרגן מיט שרעק.
ווען בלאַסער מאָרגן־ליכט דרינגט נאָר אריין —
ס׳ברייגנט א פונק האָפענונג דער טאָגיקער שיין...

קומט דאַן א „שוועסטער" מיט אַ שמייכל צום בעט,
ס׳קומען אויך נאָנטע מיט טרייסט־וואָרט וואָס גלעט.
קען ווער דעם קראַנקן זיין טרויער פאַרשטיין?
ווי עלנט מען פילט זיך, ווען אלע צעגייען...

נאַציאָנאַלע מאָטיוון

מדינת ישראל

(לויטן מאָטיוו פון „רד הלילה")

אונדזער חלום פון צוויי טויזנט יאָרן,
איז איצט מקוים געוואָרן,
איז דען דאָס ניט וווּנדערשיין ?
א לאַנד אבליענד־נייע
אונדזער אייגן לאנד א פרייע,
האָבן אידן איצט פאר זיך אליין.

גיסט־זשע אָן אַ בעכער ווייַן
לאָמיר אלע פריילעך זיין
פאַר אונדזער לאנד ישראל. (2 מאָל)

אונדזער ברכה די קיבוצים,
די העלדישע חלוצים,
איר — דער שטאָלץ פון אונדזער דור,
פון הגנה די העלדן,
איר — שאַפער פון נייע וועלטן
איר זאָלט מצליח זיין נאָר...

גיסט־זשע אָן אַ בעכער ווייַן
לאָמיר אלע פריילעך זיין
פאַר אונדזער לאנד ישראל. (2 מאָל)

ווען די היינטיקע שטערער
וועלן ווערן אונדזערע פארערער,
אויף דעם געווענדט איז אונדזער בליק,
אונדזער מוט מוז זיין געהויבן,
אין גערעכטיקייט מיר גלויבן,
אידן האָבן שוין א לאַנד מיט גליק.

גיסט־זשע אָן אַ בעכער וויין
לאָמיר אלע פריילעך זיין (2 מאָל)
פאַר אונדזער לאנד ישראל.

ז׳ באייר ה׳תש״ה — (16־טן מאי 1948)
צו דער פּראָקלאַמירונג פון אידישן שטאַט.

* * *

פאַר דורות מען האָט אונדז געשאָכטן, געברענט —
אונדזער מענטשלעכע רעכט — קיינער אנערקענט.
מיר האָבן א טייערן פרייז, שוין, באצאָלט —
פעלקער פון דער וועלט האָבן דאָס געוואָלט.
ניט מער שוין צו הפקר, שפּאָט און שאַנד —
באשיצן וועט איצט אונדזער אייגענע לאנד...

— — — — — — — — — — — —

רוט — ליכטיג — העלדן, געפאלענע אין שלאַכט —
איר'ט פארן פאָלק די גאולה געבראַכט.
די ערד פון ישראל געוויקט מיט אייער בלוט —
ס'וועט לעגענדעס זיך וועבן פון אייער העלדישקייט, מוט.
ס'הויבט זיך א תקופה א נייע איצט אָן —
וְאָל פלאַטערן שטאָלץ אונדזער אייגענע פאָן.

יום העצמאות

(צום ערשטן יאָר־טאָג „מדינת ישראל")

מדינת ישראל — איך גראַטוליר דיר היינט,
א יאָר בינסטו אַלט — דיין נאָמען ס'שיינט.
נאָר איין יאָר — אזוי פיל באַוויזן,
אונדזער פאָלק א פארפאָלגטער — ביי דיר קעמפער און ריזן.
פאַר אלע געפייניקטע איז אָפן דיין טיר,
זוכט ווער א היים — געפינט מען ביי דיר.
הגם וויניק פאר זיך — טיילסט זיך דעם ביסן,
אַ נעסט פון קולטור בינסטו און פון וויסן.
לענדער נאָך לענדער דיר שטרעקן די הענט,
א וועלט אומגערעכטע — דיר שוין אנערקענט.
כ'בין גליקלעך און שטאָלץ צו לעבן אינם דור,
צו זען דיר ישראל פארווירקלעכט אויפן וואָר.

מאַרטירער וואַלד*)

(יער הקדושים)

אַ מאָנומענט נאָך קדושים זעקס מיליאָן —
אַ וואַלד צו פלאַנצן מיר הויבן אָן...
אַ זכר נאָך זייער געביין —
וועט אין ישראל אייביק שטיין.

זאָל גרינער פראַכט זיך דאָרט צעשפרייטן,
פון אידיש לעבן, פריי, אָן קייטן,
ווי פרישע, יונגע, גרינע צווייגן,
זאָל אידיש ווירדע ווידער שטייגן.

זאָלן פעלקער אויף דעם קוקן,
פאַר אידיש שטאָלץ זיך דאַרפן בוקן,
אז פון אונדזער אונטערגאַנג —
וואַקסט אַ וואַלד אויף דורות לאַנג...

*) געדרוקט אין „אַפריקאַנער אידישע צייטונג“, 29־טן מאַי, 1953.



„יער הקדושים“ — אונדזער דוד׳ס אַן אַרבעט, פאַר וועלכער ער האָט באַקומען
אַ מתנה פון "S.A. Jewish Times"

דר. חיים ווייצמאַן

(אין טאָג פון זיין טויט)

די ליד האָט חיה געשיקט צו דער אלמנה פון פאַר־שטאָרבענעם פרעזידענט, וועראַ ווייצמאַן, און האָט באַקומען פון איר אַ דאַנקזאָגונג.

די צייכענונג, וועלכע מיר גיבן דאָ איז אַן אַרבעט פון אונדזער זון דוד און איז גלייכצייטיג געווען געדרוקט אין „זייאָניסט רעקאָרד". א.ש.פ.

צעשפרייט האָט אַ מלאך די פליגל ווי הענט —
אויפגעכאַפּט נשמה פון אונדזער פרעזידענט,
ס'זאָל ליכטיק רוען אין הימלישע הויכן —
זיין גייסטיקער אָפּשיין אידיש־פאָלק זאָל דערגרייכן . . .

זיין הייליקער אידעאל געווען איז אין לעבן —
אַ היים פאַר פאָלק־ישראל צו געבן.
געדויערט האָט עס צענדליקער יאָרן
ביז גרויסער חלום איז מקוים געוואָרן.

ער האָט דערלעבט מיט זיינע אויגן צו זען,
ווי מיט ישראל איז וווּנדער געשען . . .
האָט אידיש־פאָלק אויס ליבשאַפט דערפאַר
אים דערהויבן צו נשיא, אַלס באַלוינונג, אַלס שכר . . .

פּלוצלונג דער טויט ווי פינצטערע נאַכט
האָט זיינע אויגן אויף אייביק פאַרמאַכט . . .
געבויגן שטייט, היינט, אידיש פאָלק ביי זיין ארון
מיט ווייטאָג, וואָס מיר האָבן אזא איינעם פאַרלאָרן.

אַברהם סוצקעווער

(צו זיין באזוך אין דרום אפריקע)

אליין צעבראָכן, פון צרות א מידער,
דאָך ווי א קוואַל — ס׳דערפרישט דיינע לידער.
יעדע שורה ווי א דימענט געשליפן, געריייניקט —
העלד און פּאָעט אין דיר איז פאראייניקט.
מיט ביקס אין האַנט אונדזער אומקום פארטיידיקט,
מיט פען — מוט און האָפענונג געפריידיקט.
וויפיל שונא האָט ניט פארשטעלט דיינע וועגן —
מיט גלויבן, זיך געריסן דעם מאָרגן אנטקעגן.
האָט גורל אויף פליגל פון געטלעכער שכינה,
געבראַכט דיר אין ישראל — אונדזער מדינה.
טוט באַמען דיינער, ווי א שטערן, איצט שיינען —
דיר א באלוינונג פאר ליידן און פיינען.

מיין פריינט,

ווען דאָס לעבן מאַטערט אויס דיין נשמה,

בינסט פאַרמאַטערט און בייז —

ניט פאַרליר דיין מוט.

מוזט קעמפן און זיגן —

דעם זיגער איז גוט...

זיי וויסן! — דער לעבן האַלט מיט דיר מלחמה.

אַפריקאַנער מאָטיוון

גאָלד — דיין שטויב

גאָלד — דיין שטויב,
ווי גיפטיקע צונגען —
נעמסט טעגלעך דיין רויב,
צעפּעדימסט די לונגען.

פאַר וועלכער זינד
אין שרעקלעכער נויט —
טרויערט אלמנה און קינד
נאָך פארזאָרגער פון ברויט ?..

וויפל ליידן און פּיין,
לעבנס פאַרלאָשענע אָן צייט —
שפּיגלט אָפּ גאָלדן־שיין,
פאַרשטייען דאָס לייט ?

יעדער רינג, יעדער קייט
וואָס באַפּוצט נאָר אַן אבר
— די שאַפער פון דעם
יונג, גייען אין קבר...

פאַרבן־שפּיל

שטייט שטן אין דער שטיל —
פירט מיט כישוף פאַרבן־שפּיל:
ווייסער — האַר, שקלאַף איז שוואַרץ,
טיפער שנאה אינעם האַרץ.

איין זייט לוקסוס, צווייטער — נויט,
ס׳טליעט צאָרן — בלוטיק־רויט...
איינעמס לעבן — זון און פרייד,
צווייטנס — פינצטער, אָן אַ קלייד.
איינער שיט געלט אין זעק,
צווייטנס לעבן — נויט, אַ שרעק!

ס׳לויערט נקמה הינטער ווענט,
ביילן פויסטן — מיליאָנען הענט...

יאָהאַנעסבורג

יאָהאַנעסבורג — ריזן־שטאָט פון שוואַרצן קאָנטינענט,
הייזער אין דיר, ווי פּאַלאַצן געבויט,
אין גאַסן דיינע — מענטשן מיט אויסגעשטרעקטע הענט
בעטלען פאַר אַ שטיקל ברויט...

וואָלקן־קראַצער פּיל, גראַניט־מאַרמאָר די ווענט,
רייכטום אזוי פיל, ווי קיין סימן גאָר פון נויט,
דאָך אין גאַסן דיינע — אויסגעשטרעקטע הענט
בעטלען פאַר אַ שטיקל ברויט...

דיין ערד געפּילט מיט גאָלד און דימאַנט,
אוצרות צעזייט ווייט און ברייט —
דאָך מענטש מיט אויסגעשטרעקטער האַנט —
בעטלט ברויט...

געשאַפן רייכטימער האָבן אָט די הענט...
באַלוינונג — הונגער, אָרעמקייט און נויט,
ס׳בעטלען — אַ פאַרברעכן אויף דיין גאָלדן ראַנד*)
פריי נאָר — ליידן, דחקות ביזן טויט...

*) ראַנד — „וויטוואטערסראַנד" אויף וועלכער עס געפינען זיך די גאָלד־מינען פון יהאַנעסבורג און אומגעגנט, וואו בעטלען איז אָפיציעל פאַרבאָטן.

שוואַרץ־הויטיקע ריזן *)

איר שוואַרץ־הויטיקע ריזן,
מיט קערפּערס — פעלדזן־גראַניט,
נאָר אויגן — שטעכיקע שפּיזן,
צאָרן אין אייערע טריט.

שטייט איר ביי אַרבעט געשמידטע,
פון פינצטער באַגינען ביז שפּעט;
אין ארבעט — איר גאָר קיין געניטע,
העלפט בויען וועגן און שטעט.

ריטמיש ס׳הויבן זיך אייזן
אין שוואַרץ־מוסקולירטער האַנט —
גבורה, ווי ס׳וואָלט וועלן באַווייזן,
ווי מעכטיק איר זייט דאָ אין לאַנד.

אויף קערפּערס נאָר פעדים פון קליידער,
דאָך זינגט איר אין שווייסיקער מי;
דער הילוך ניט קימערט אייך, ליידער,
און ניגון צעזינגט זיך מיט גלי.

טויזנט מאָל איז נאָך שוואַרצער
דיין גורל, שוואַרצהויטיקער העלד,
נאָר געציילטע ס׳ווייטאָקט אין האַרצן —
גלייכגילטיק קוקט צו זיך אַ וועלט...

*) געדרוקט אין חודש־זשורנאַל „דרום־אפריקע״, מערץ, 1953.

שוואַרץ . . .

אונדזער שוואַרצע דינסט מאַראַיע
איז אַ באַדינערין אַ גאָר געטרייע.
איז געהאָרכזאַם, מיט אַ שמייכל
טוט די אַרבעט גאָר מיט שכל.
הגם איר הויט איז ברוינלעך־שוואַרץ —
פאַרמאָגט אַ וואַרים־מענטשלעך האַרץ.

ווען עס מאַכט זיך וואָס אין הויז —
זעט מען איר גוטסקייט גלייך אַרויס.
זי פאָלגט אין „וואַסער און אין פייער"
יעדער מיטגליד פון הויז — איר טייער.
וואָלט זי געווען אַ וואונדערבאַרע פאַרשוין —
ווען ניט דאָס בעטן גלייך — אַ „האַלבע קרוין".

לידער פון דער היים

דער לעצטער בריוו

כ׳האָב אַ בריוו געפונען,
געלייענט מיט ציטערדיקע הענט:
מיין שוועסטער געוועזן איז אין פוילן,
דאָרטן געוואָרן פאַרברענט.
אַ טיפער ווייטאָג פילט מיין האַרץ אָן —
דו אויך, איינע פון קדושים זעקס מיליאָן.
אַ יאָר־צייט־ליכט האָב איך ניט געצונדן —
נאָך ברענענדיקער אין האַרצן — טיפע וואונדן.
דיין בריוו וועט הייליק לזכרון מיר פאַרבלייבן
— אַן ענטפער ניטאָ שוין וועמען צו שרייבן...

מיין זשאַגער

(צום יאָרצייט)

איך, צינד היינט, זשאַגער, א יאָרצייט־ליכט נאָך דיר,
אזוי ווי לעבעדיק שטייסטו איצט פאַר מיר.

ווי קומען פלעג איך אויף ימים־טובים צו פאָרן א היים,
מיט אַ צאַפּל אין האַרצן, אַ פריידיקן בענקען אין געהיים.

מיינע אלטינקע, זיי האָבן אויף מיר שוין געוואַרט,
געלאָפן מיט קושן אנטקעגן, קוים מיר דערזען, זיך דערוואַרט.

גרויס איז געווען די איבערראשונג פון זעען זיך — די פרייד,
די מאַמע פלעגט ווישן די אויגן — לאָזן א טרער שטילערהייט.

די דילן פאר יום־טוב געוואַשן, געווען איז מיט טיכער פארדעקט,
די חלות אָקאָרשט פון אויוון האָבן מיט זאַטקייט געשמעקט,

געגרייט איז געווען שוין צום עסן, ווייל מיד וועל איך זיין פונם וועג
— ווער קען אזעלכע מינוטן פארגעסן, אזעלכע טייערע, הייליקע טעג.

ווער קען פארגעסן דיינע לאָנקעס, די „סוועטע”, דעם מיל־בארג,
דעם וואלד

באַצויבערט פון ארומיקער נאַטור — אַיעדער איז געוואָרן באַלד.

עס האָבן די רוצחים דעם טאָג יום־כפור אויסגעקליבן
דיין פארניכטונג — עס זאָל בלייבן אויף אייביק פארשריבן.

מיט א צובראָכן האַרץ דיין יאָרצייט־ליכט צינד איך היינט,
עלנט, ניטאָ מער שוין קיינער, קיין שוועסטער קיין ברידער, קיין פריינט.

זשאַגער

צעטיילט געווען מיין שטעטל
„אַלט" און „ניי" באַזונדער
דאָך געלעבט צוזאַמען
ווי אין מאַסן־קבר אצונדער.

אַלט־זשאַגער גערופן מ'האָט „מתים"
ניי־זשאַגער — „חטאים",
צוליב א חטא וואָס איז זיך פאַרלאָפן, —
דאָס מאָל גראָד ניט פון גויים:

אַ פּאָרל האָט ביינאַכט זיך פאַרבראַכט
אויף אַלט־זשאַגער בית־עולם —
גערוישט האָבן ביידע „שטעט",
ווען דערוואוסט דערפון האָט זיך דער עולם.

איז דער צייכן־נאָמען שוין פאַרבליבן
אויף אייביק און אייביקע יאָרן —
גערופן האַלב אין שפּאָט, האַלב מיט זידל,
ס'זאָל בלייבן געקריצט לזכרון.

חכמי־זשאַגער — געשמ'ט צוליב אירע לומדים,
וואָס אין תורה און חכמה טיף באַהאַוונט,
געווען אויך ערלעך־דאָרפישע קרעמער,
וועלכע האָבן אויף די וועגן געדאַוונט.

מיט לעבן געברויזט האָט די יוגנט,
מיט היץ און פּאַרטייאישן פייער.
אָך ווער וועט פאַרגעסן אייך אַלטע און יונגע,
וואָס זייט געווען מיר אזוי ליב, אזוי טייער.

איצט ליגט איר פאַרשטומט דאָרט אין שטאָט־פּאַרקישן קבר,
צעשאָסן, צעמאָרדעט, צעשטיקלטע גופ׳ן,
און איך — אדורכגרוילטע דורך גליד און אבר,
הער ניט אויף אייך באַוויינען, דערמאָנען און רופן...

גערדרוקט אין „אַפריקאנער אידישע צייטונג“, 26־טער יוני, 1953

דראַמאַטישע סעקציע אין זשאַגער, אין 1923.

חיה פעדלער (מיכלסאָן) — זיצנדיק צווייטע פון לינקס. די פאָטאָגראַפיע איז גענומען אין זשאַגערער פּאַרק, אוואו עס געפינט זיך דער מאַסן־קבר.

מיין היים

אין דער נאַכט, גאַנץ אָפּט,
ווען אַלץ ארום שלאָפט,
און די שטילקייט ארום,
אזוי סודות׳דיק שטום —
זעט אלץ זיך אזוי קלאָר
ניט ווי אין חלום, — נאָר אין וואָר...

איך נורע קאָפּ אין קישן פעסט —
אָט בין איך אהיים — אַמאָליקן נעסט.
איך וואַנדער איבער געסלעך מיט הייזער צעשטעלט —
ס׳אַנטפּלעקט זיך פאר מיר אַ גאָר נייע וועלט...
אָט זע איך די תיפלה שטיין אינמיטן מאַרק,
מיט קלאַנג פון די גלאָקן מורא׳דיק שטאַרק.
ס׳שטראָמען די גויים — אין תפלות זיך קניען
פארן געטליכן זון און מוטער מאַריאַ׳ן.
גלחים, זיי שטייען און שטראָפן דעם עולם —
מיט פאַרגלאָצטע אויגן זיי קושן דעם צלם.
פאַרגעבן ס׳ווערן דאָ עבירות די זינדער,
וועלכע גייען צוריק צופרידן ווי קינדער.
קערן זיך אום אין אידישע שטיבער —
פילן קיין שרעק, קיין חרטה דעריבער...

אָ! וואו זיינען אַלע אידן געבליבן?
ס׳טראָגט מיך מיין דמיון אין פאַרק אריבער

אַ מאַרק־טאָג אין זשאַגער — די תיפלה אין הינטערגרונט.

דאָרט וואו קדושים פאַרשאָטן אין גריבער
עלנט קיין מצבה פון קיינעם פאַרשריבן.
ניטאָ ווער זאָל קומען אַ טרער דאָרטן לאָזן —
וויגנדיק וואַקסן אויפן קבר שוין גראָזן...
און בוימער אור־אלטע אין שטאָטישן פּאַרק
ברומען דורך נעכט, רוישן גאָר שטאַרק.
בלעטעלאַך גרינע, אין נעכט, נאָר זיי קלאָגן
און צווייגן זיך שאָקלענדיק — קדיש דאָרט זאָגן...

גערדרוקט מיט ענדערונגען פון דער רעדאַקציע אין „אַפריקאַנער אידישע צייטונג״ אין די לעצטע עלף טעג פון איר לעבן — 18־טן סעפּטעמבער, 1953.

*　　*　　*

זשאגער! ווי טייער איז מיר דיין נאָמען,
צעשטערט, פארוויסט האָט דיך היטלער־המן.
מיין קינדהייט, יוגנט אין דיר פארבראכט —
מיינע ערשטע חלומות — געטרוימט, געטראַכט.
כאָטש דער גורל האָט מיך פון דיר פארטריבן,
אין הארצן זכרונות — טייערע פארבליבן.
אָבער איצט — מיינע שוועסטער, ברידער, טאַטע, מאמען —
אין גרויסן מאסן-קבר — איר ליגט צוזאמען.
כ'בין צו ווייט און קען ניט קומען,
אייך באוויינען, ברייננען בלומען.
אייער יאָרצייט פון דער ווייטן
וועל איך אָפּהיטן אין אלע צייטן.
ס'וועט אין מיין הארצן, ווי אין שול ביים עמוד,
אייביק לייכטן אייער הייליקער נר־תמיד.

אַ חלום

ס׳האָט זיך אין חלום געדוכט מיר, כ׳בין ווידער אהיים געוועזן,
געטראָפן די ליבע געשטאַלטן, וועלכע יאָרן זיי שוין ניט געזען.
ס׳האָט מיך באַגעגנט די מאַמע — אירע אויגן פול־ליבע ווי אַמאָל —
גענומען מיך קושן, אויספרעגן מיט שוואַכן, געבראָכענעם קול.
געפרייט זיך שטאַרק מיט מיין קומען — באדויערט כ׳בין געוואָרן אלט.
פרייד צוזאמען מיט טרויער — איינגעהילט האָט איר געשטאַלט.
אין שטוב איז געווען האלב־טונקל, דער פליט האָט אביסל געברענט —
דער טאַטע אלט און געבויגן — גהזעסן געוואַרעמט די הענט.
מיט פרייד און פארלאָשענע אויגן — געפרעגט ווי גייט מיר אצינד?
יאָרן אזוי פיל פארפלויגן — געגאַרט צו זען, דיך, מיין קינד.
דו איינע בינסט נאָר פארבליבן פון אונדזער גאנצער געזינט —
אומגעקומען אלע אין שטורעם — אוועק אזוי מיטן ווינט.
זיין פנים איז געוואָרן פארטרויערט, ר׳האָט ריידן מער ניט געקענט,
פארשטעלט פון מיר דעם פנים מיט זיינע ביינערנע הענט.
געוואָלט כ׳האָב אים טרייסטן, פאַרפאַלן וואָס איז געשען,
דריקנדיק זיין קאָפּ צו מיין הארצן — דערפילט ס׳איז א חלום געוועזן.

ליטע־לאַנד

מיין קללה אויף דיר ליטע-לאנד —
דיין נאָמען וועט אייביק זיין א שאַנד.
מיין היים בינסטו אמאָל געווען,
צום סוף וואס איז אין דיר געשען?
האָסט געוואָלט זיין מיט דייטשלאנד גלייך —
איצט מיט מאסן־קברים בינסטו רייך.
בינסט ציוויליזירט, ס׳איז דיר גוט —
דיין ערד איצט פעט פון אונדזער בלוט.
דו, ליטווינער מיט דיינע פרייסישע שכנים —
האָבן אונדז אומברענגען פּרובירט אינאיינעם.
געפּייניקט, צוריסן עופהלעך קינדער,
די געשיכטע געדענקען וועט אייך מערדער, זינדער.
ליידער איז מיין שפּראך צו אָרעם
אויסדריקן דיר מיין האַס און צאָרן.
זאָל מיין קללה דיר טרעפן ליטע־לאַנד —
כ׳בין אין דיר געבאָרן, ס׳איז מיר א שאַנד . . .

נקמה

איך זע ווי זיי שטייען
מיט אויגן צעצונדן,
קערפערס צעשניטן, ס׳אייטערט נאָך וואונדן.
זיי שטייען און רופן — נקמה!..

די גרוילן פון פיינען
זאָל שונא אויך פילן —
דאָס וואָס מיר מאָנען,
דאָס וואָס מיר ווילן —
נקמה...

ניטאָ קיין פאַרגעסן
מען טאָר ניט פאַרגעבן
פאַר אומשולדיק בלוט
פאַר יונגינקע לעבנס —
נקמה...

זאָל שונא באַצאָלן
מיט מאַרך פון די ביינער
נקמה מיר בעטן
אַלע ווי איינער —
נקמה...

שפּאַס און הומאָר

איז צו דיר אַ שיינער געדאַנק געקומען —
נעם גיך און פאַרשרייב,
האָט װער לאַכן גענומען —
קוק צו און שװייג..

*   *   *

קורץ אזוי דער לעבנס־וועג —
געציילטע זיינען זוניקע טעג.
גיי איך מיט שטילע טריט —
גייט ביים זייט דער אומעט מיט.
בעט איך, אומעט, לאָז מיך אָפּ —
בויג ניט איין מיין מידן קאָפּ.
זאָל ברענגען, וואָס עס וויל די צייט —
איך היל דאָס איין מיט פריילעכקייט.
ווען מיין האַרץ ווערט נאָר מיד —
איך רו מיך אָפּ מיט אַ ליד.
אויב ס׳פאַלט אמאָל א טרער —
קען דען העלפן, מיר, דאַן ווער?
אויב דו לאַכסט — מען לאכט מיט דיר,
וויינסטו — בלייבט פארמאַכט דיין טיר.
כ׳וויל ניט וויסן, וואָס וועט זיין —
איך לאַך מיך אויס ביים פריילעך זיין.

מיינע לידער אויסגעבעסערט

איר זיינט אַוועק א קורצע ווײלע נאָר אין פרעמדע הענט —
מיינע טייערע, ליבינקע, איך האָב באַלד אייך ניט דערקענט.
דעם פנים אייך צעדראַפּעט, צעריסן אייך דאָס קלייד —
אומעטיק, איר זעט מיר אויס — אַוועק פון אייך די פרייד...

ווי ביי לייטן, ס'האָט זיך מיר געוואָלט, איר זאָלט זען די וועלט,
געלאָזן פריי — דעם וועג אייך ניט פאַרשטעלט.

וואָס האָט פּאַסירט מיט אייך דאָרטן אין דער פרעמד?
אייך אזעלכע נאַנטע — שווער גאָר הייַנט דערקענט...
פון וועלן צופיל פּוצן אייך — געמאַכט אייך מאַט און מיד —
ווי אַ מאַמען ס'ווייטאָקט הייַנט, מיין האַרץ, פאר אייך — מיין ליד...

---

*) „מען האָט פאַרריכט און געדרוקט מיינע לידער" — אזוי האָט חיה רעאַגירט —זעענדיק מאַנכע פון אירע לידער „אויסגעבעסערט" פון רעדאַקטאָר.

געסט . . .

„מוזע״ איז צו מיר געקומען —
ליבלעך מיך ארומגענומען,
אָנגעבעטן זיך פארבלייבן,
אויב איך וועל נאָר עפּעס שרייבן.
נעם איך אויף מיין ליבן גאַסט
מיט פּאָר שורות ווי ס׳פּאַסט . . .
לויפט ארום פלינק מיין פען —
וויל באווייזן וואס ס׳קען.

פלוצלינג קומט א שכנה אריין —
מוז מען ריידן, פריינטלעך זיין.
רעדט זיך פונם האַרץ אראָפּ —
דולט מיר אָן אַ גאנצן קאָפּ.
ווער איך מיד (גאָר א שרעק)
און די „מוזע״ גייט אוועק . .

א גוטער פריינט...

ס׳האָט א פרוי מיר אָנגעקלונגען,
מיט אַ פריינטלעך שטימע זיך צעזונגען.
ס׳האָט מיין געזונט איר אינטערעסירט
און אַ שמועס מיט מיר פאַרפירט:
זי האָט מיר גע׳עצה׳ט אויפהערן שרייבן,
אויב איך וויל ביי מיין געזונט פארבלייבן.
ווייל, זי מיינט, פון אָנשטרייענגען מיין געדאַנק,
איז זי זיכער — ווער איך קראַנק.

כ׳האָב באַרואיקט אָט די פרוי
און דערקלערט איר גאַנץ גענוי:
„אויב ס׳זאָל ווערן אַן עפידעמיע אויף שרייבער
און ס׳זאָל פאַרכאַפּן טאַלאַנטירטע ווייבער,
האָב איך איר מיין וואָרט געגעבן,
אז איך וועל געוויס דאַן בלייבן לעבן״.

קאָוונער לאַנד־שדכן

(לויטן מאָטיוו „לא ביום ולא בלילה״ פון ביאַליק. „שיין איז רייזעלע דעם שוחט׳ס״ ווערט אויך געזונגען לויט דעם זעלבן מאָטיוו).

די שטיפעריי „קאָוונער לאנד־שדכן״ איז דאָס איינציקע, אויף וועלכער ס׳ווערט דערמאָנט די אמאָליקע אידישע קאָוונע, אוואו חיה האָט פאַרבראַכט פינף אינטערעסאַנטע יאָרן. זי האָט זיך געקליבן איבערשרייבן איר ביאָגראַפיע „מיין לעבן״ און צו־געבן וועגן יענער שיינער צייט, אָבער לײדער האָט זי ניט באַוויזן דאָס צו טאָן.

(אין קאָוונע איז געווען אַ לאַנד־שדכן, גאָראָדעצקי, וועמען דאָס איז געמיינט) א.ש.פ.

צווישן ניעמאַן און ווילִיע
בליט אַ בוים אויף „לייסוועס״ אלייע,
און אונטער זיינע גרינע בלעטער
זיצט אַ איד, שדוכים רעדט ער.

* * *

שדכן, שדכן האָב רחמנות,
גיב א חתן — נעם שדכנות,
אַוואו דו ווערסט אים נאָר דערשפּירן —
כאַפּ און ברענג אים מיר צופירן.

טאָמער פוילט ער זיך צו קומען —
זאָג אים ס׳איז דאָ געגוג מזומן,
פויל זיך ניט און אלץ דערצייל אים,
ער זאָל ארויסגיין פון די כלים.

נדן אין ענגלישער וואַליוטע,
טויזנט פונטן ווי איין פּרוטה,
איך האָב אין אַפריקע אַ פעטער,
האָט ער געשיקט און שיקן וועט ער.

און מיין פעטער איז אַן אַלטער,
און מען זאָגט — ביים שטאַרבן האַלט ער,
דאַרפן מיר אים נאָר באַגראָבן —
אַ ירושה׳לע צו האָבן.

ווידער זאָלסטו אים פּאַרטרויען —
אין מאָדעס בין איך פּראָסט אַ גאון,
טעג און וואָכן ניט געגעסן —
ביי די שניידערקעס געזעסן.

האָב איך טאַקע טויזנט שמאָכטעס
אין דער שטאָט דער גאַנצער קאָכט עס.
זיידנס, „פּאָנעו" „קרעפּ־דע־סינען",
סאַמעט, וואָל און „גאַרבאַדינען".
זיבעצן קליידער דעקאָלטירטע
אַכט „פּלעסירטע", ניין „קאָנפּרירטע".
היינט די „טופל"־שיך און „לאָדקעס"[1])
וועלכע קוועטשן די „נאַגניאָטקעס"[2]).

זאָג אים רוסיש ריידן — היט איך,
כאָטש ווי באָב מיט גרייזן שיט איך,
אויף קאָנצערטן אַלע גיי איך —
כאָטש קדחות דאָרט פאַרשטיי איך.

איך בין שיין, איך בין גרויס־שטעטיש,
ס׳ווינקט מיין בובי־קאָפּ קאָקעטיש,
גרייט מזומן און קאָסטיומען
זאָג אים זאָל ער גיכער קומען.

* * *

פּרייט זיך, גרייט זיך ס׳איז באַשלאָסן —
מאָרגן ברייננג איך דיר אַ חתן
האָט דער שדכן שיין און איידל
אָפּגעענטפערט אונדזער מיידל.

איך וועל אים זאָגן זיי קיין סוס ניט —
טויזנט פונט גייט צו פוס ניט.
ווי ער וועט דאָס נאָר דערהערן
וועט ער די כפרה ווערן.

---

[1]) „לאָדקעס" — אַ געוויסער שוך ; [2]) „נאַגניאָטקעס" — הינער־אויגן.

ער וועט קומען שנעל צו יאָגן,
ווי דער רוח וועט אים טראָגן.
אך מיין ליבסטע וועט ער זאָגן:
„איך דאַרף דיין בובי־קאָפּ אויף קלאָגן".

ס'ליגט מיר אין דער לינקער פּיאַטע —
מער צו וויניקער אַ שמאַטע,
דיין מוזיק און רוסיש ריידן —
אויף כפּרות דאַרף איךביידן.

די מטבע, די מטבע,
איז די זיכערסטע קמיע,
טויזנט פונטן האָסטו „פּופּע"?
מאָרגן שטעלן מיר אַ חופּה.

ס'קריכן טעג, ס'לויפן יאָרן —
חתנים קומען און צעפאָרן,
אַלע פונקט ווי די גזלנים —
גיב אַהער די מזומנים.

אוי די רוצחים, די גזלנים,
אַוואו זאָל איך זיי פונטן קריגן,
אַז די מעשה מיטן פעטער
און די פונטן איז אַ ליגן.

* * *

ווייסע וואָלקנס, גוטע וואָלקנס
וואָס איר שוועבט אין יעדן אָרט,
אפשר ווייסט איר פון אַ חתן
וואָס זאָל גלויבן אויפן וואָרט.

קאָוונע, 1923.

קולטור־פעדעראַציע

ס׳איז אַ פרייד, אַ סענסאַציע —
אונדזער אידישע קולטור־פעדעראַציע.
געזונט זאָלן זיין די הייפעלע ווייבער,
וועלכע האָבן זיך גענומען צו אונדזערע שרייבער.
שטיל, באַשיידן, מיט אָרדענונג, אָן רעש —
שוין דורך שלום־עליכם; פרץ און איצט שלום אַש.

שוין צייט אויפהערן שפּילן קאָרטן,
ווייל וואָס קען מען זיך לערנען דאָרטן ?
אָבער אז מען קומט צו אַ פאָרלעזונג דאָ —
פארברייינגט מען אינטערעסאַנט אייניקע שעה.
אַוואו קענט איר געפינען אין אפריקע אזא אָרט ?
וואו קומען און הערן אַ אידיש וואָרט.

מען דארף דאָך דאָ ניט צולייגן קיין כּוח —
מען שלייפט נאָר אויס א ביסל דעם מוח.
די פאָרלעזונגען ניט טרוקן זיינען — סתם אזוי.
ווייל נאָך דעם פאַרטרינקט מען מיט „קייק" און טיי.

זאָל לעבן און בליען אזא פיינע אָרגאַניזאַציע —
איך באַגריס אייך, איר טוער, פון קולטור־פעדעראציע.

לייען קרייזן

ס׳איז באַקאַנט און באוואוסט אויך דאָ,
אז באַנאַכט איז דאָ אַזאַ שעה,
ווען נשמה פארלאָזט דעם גוף
און פליט אין הימל ארויף...

פאַרברייננגט דאָרט די נאַכט,
פאַרטאָג זיך באַטראַכט
און האָט ווער דעם גליק
דאַן פליט זי צוריק.

נאָר ס׳האָט אָפט געטראָפן
נשמה האָט זיך פארגרעדט —
איז גוף געבליבן שלאָפן...

אין איין נאַכט, אין אזא שעה
האָב איך דערפילט — איך בין מער ניטאָ.
מיין נשמה איז ארויף
און געלאָזן דעם גוף.

עפנט מען אויבן אַ טיר
ווערט אַ שמחה מיט מיר.

ס׳קומט צו אַ גרייז־גראָער מאַן
און זאָגט — דאָ איז אויך אַ לייען־קרייז פאַראַן.
מ׳שטעלט מיך צו ביי דער וואַנט
מיט אַ בוך אין דער האַנט.

ס׳איז אויפגעמישט דער שרייבער,
ארום אַ גרויסער עולם — מלאכים־ווייבער.
איך לייען אָפּ אזוי אַ שעה און צוויי
און האָף מען וועט געבן טײ...

נאָר אומזיסט — מיין האָפן,
ס׳האָט נאָך אין הימל ניט געטראָפן
מען זאָל דאָרט צום מויל עפּעס געבן.
אויב אזוי, זאָג איך, דאַן לאָזט מיך לעבן.

איך האָב אויף גיך דעם בוך פאַרמאַכט,
מיט נשמה אין האַנט — זיך אויפגעכאַפּט יענער נאַכט.

פרויען

פ. ע. יודעלאָוויץ (איינפאסונג)

פון רעכטס צו לינקס :

מ. באַסקין

חיה פעדלער

א. לאַזערסאָן

פ. מאַנדעלשטאַם

ע. מאַך

איידאַ סטרול — סעקרעטאַר

ה. טאַנכעל

ע. סאַמענט

נ. שער

ג. טרוביק

אַ ברוך הבא און

געווידמעט זשאַ

חשוב׳ער „טשערמאַן״, טייערער פריינט —

מיר באַגריסן אייך האַרציק צו אייער צוריקקער דאָ היינט.

ס׳האָבן דאָך אַלע, אייך אַכטונג געשענקט —

האָבן, טאַקע, אַלע נאָך אייך שטאַרק געבענקט.

היינט, ביי אייער צוריקקער פון ישראל, זאָלט איר אונדז דערציילן

אַלץ, וואָס איר האָט געזען דאָרט — קיין זאַך פאַרהוילן.

ט אין יאָהאַנעסבורג.

ה " ה

י. ש. יודעלאָװיץ — ערן־פּרע־זידענט (איינפּאַסונג)

פון רעכטס צו לינקס:

משה פרידמאן (זיצנדיק)

י. פרידמאַן

מ. גיטלסאָן

ח. גרינבלאַט

א .ש. פעדלער

א. טאַנכעל

יאנקל פרידמאַן

ב. לאַזערסאָן — פאָרזיצער

ל. מאַנדעלשטאַם — פּרעזידענט

ש. מאַך

י. סטרול

א. סאַמענט

ל. קארלין

פ. שער

י. טרוביק

ער „טשערמאן"

ער לאַנדסמאַנשאַפט

װעמען פון אונדזערע לאַנדסלייט איר האָט דאָרט געטראָפן,
װי אַזוי זיי לעבן? איז דאָ אויף װאָס צו האָפן?
די ביסל הילף װאָס מיר שיקן זיי דאָרט —
שאַצן זיי עס אָפּ? פארנעמט דאָס אַן אָרט?
און אונדזער אַלטער טשערמאַן, הער מאַנדעלשטאַם און פרוי,
װי לעבט זיך זיי דאָרט — דערציילט אונדז גענוי.

לויטן חשובן פּאָסטן וואָס איר האָט ביי אונדז פאַרנומען —
אין ישראל, בין איך זיכער, האָט מען אייך פיין אויפגענומען.
איר זיינט דאָרטן געוויס צוגעקומען צום אויבן־אָן,
האָט איר איבערגעגעבן פון אונדזער סאָסייטי אַ גרוס צו דוד בן־גוריון?

איצט ווילט איר וויסן וואָס מיר האָבן דאָ אויפגעטאָן?
טאָ הערט אונדז אויס — דער באַריכט הויבט זיך אָן:
מיר האָבן גאַנץ אָפט אויף מיטינגען פאַרבראַכט,
גערעדט, געשריבן, "געטרונקען טיי" ביז האַלבע נאַכט.

און פונטן טויזנטער צוזאמענגעקליבן,
און אלץ מיט אָרדנונג אין אונדזערע "מינוטס" פאַרשריבן.
קומט עס, טאַקע, א גרויסן דאַנק דערפאַר
אונדזער באַליבטע און פּייאיקע פּרוי־סעקרעטאַר[1]

נאָר פון אייער אָפּשייד איז אונדז א ספק פאַרבליבן,
אויב מען האָט די "קעצלעך"[2] אין די "מינוטס" פאַרשריבן.
אויב מיר פירן אונדזערע מיטינגען לויטן געזעץ —
מוזן אין אונדזערע "מינוטס" אויך אריינגיין די "קעץ".

אזוי ווי צוליב אייער צוריקקער איז גרויס אונדזער פרייד —
האָבן מיר דעם שיינעם "סאָשעל" לכבוד אייך צוגעגרייט.
איר וועט אונדזער מוט געוויס ניט לאָזן פאַלן,
און, מסתמא, פון ישראל פאַר אונדז געבראַכט מעדאַלן.

חשובער טשערמאַן, מיר פרייען זיך וואָס איר זיינט מיט אונדז ווידער דאָ—
אַ האַרציקן "וועלקאָם" אייך, אונדזער ברוך־הבא.

---

[1]) איידא סטרול.

[2]) בערל לאַזערסאָן, פאָרזיצער פון זשאַגערער סאָסייטי, ביים געזעגענען זיך אין זיין הויז צו זיין אָפּפאָר קיין ישראל — האָט פרוי לאַזערסאָן פאַרטיילט קעצלעך, פון וועלכע זי האָט געוואלט פּטור ווערן.

מיוזענבערג

ברוך־הבא דיר מיוזענבערג! — אָט זעען מיר זיך ווידער,
ס׳קומען דאָ אַלע צו דיר, פאַרמאַטערטע און מידע.
אידן פונעם גאַנצן לאַנד זיך דאָ צונויפגעקומען,
דאָס ביסל אָפּגעשפּאָרטע געלט מיט זיך מיטגענומען.

ווער עס האָט קיין געלט געננג — אַ שאָד אַהער דער פאָרן,
ווייל די פרייזן היי־יאָר דאָ איז העכער ווי פאַראַיאָרן.
אין די האָטעלן דאָ פאַרפאַקט — מענטשן ווי די פליגן,
האָט עמעץ ניט „געבוקט״ פאָראויס — אויף דר׳ערד וועט דארפן ליגן.

זאָל דיין ים זיי אָפּפרישן — וואונדער גאָר באַווייזן,
אין די צוגעציילטע טעג — זיי מאַכן שטאַרק ווי אייזן.
יונגוואַרג דאָ, אין הייסן זאַמד טוען זיך פאַרברייגנען,
ווער ס׳איז אַמאָל יונג געווען — וועט זיי ניט פאַרדיינקען.

קעמפּס היי־יאָר, ארום מיוזענבערג, פאַר אייניקל און זיידן,
און אַ קעמפּ אויך פאַר די, וועלכע ווילן עברית נאָר ריידן.
מען כאַפּט אריין אַ קערטל דאָ, אין „פּאָוקער״ און אין „ראַמי״ —
די פרוי וועלכע קען דאָס ניט — איז דאָ אַ קנאַפּע דאַמע.

זיי באגריסט דו מיוזענבערג —
איך בין גליקלעך און צופרידן,
אויב איך קען ניט זיין אין תל־אביב —
כאָטש זיין דאָ, צווישן אידן...

דעצעמבער, 1952.

א בריוו צו א פריינט

(קיין מיוזענבערג פאַר אַ האָלידיי)

טייערע פריינט, רחל לעווין —
אז איר ווייסט שוין ווער איך בין,
וועל איך פּרובירן אַ פיינער מענטש בלייבן
און אן ענטפער אויף אייער בריוו — אייך שרייבן.

ס'איז אין יאָהאַנעסבורג, איצטער, ערב פּסח,
אין אלע אידישע הייזער טוט זיך חושך.
מען שטויבט די ווענט, מען רייבט די דילן —
מען איז דאָ צו „ביזי" אפילו „ראָמי" צו שפּילן...

מען איז דאָ אזוי „ביזי" מיטן פּסח היי־יאָר
אז ס'איז ליידיק אין „טי־רום", אפילו, ביי „דזשאָן אָר"[1]
ס'לויפן אלע דאָ ארום און שוויצן,
ווייל דאָ איז, נעבעך, גרויסע היצן.

ס'האָט אַ טעות געמאַכט דער קאַלענדער —
ס'איז גאָר איצט ניט מערץ — נאָר דעצעמבער...
און אויב די היצן זאָלן אָנהאַלטן אזוי כסדר —
וועט מען מוזן זיצן, נאַקעטע, ביים סדר.

מיך קימערט ווייניק־וואָס דער טאַראַראַם —
איך פאָר זיך קילן, קיין דערבאַן, ביים ים.
איך האָף צו ווערן דאָרט געזונט און שטאַרק
און אָנקלייבן כחות — אָט ווי אַ „שאַרק".

און מיינע דאָקטוירים, אויף צו־להכעיס —
ווענלן אלע פון מיר קוועלן, קלייבן נחת.
ווער ווייסט ? — איך קען נאָך האָבן אַ „סיורפּרייז״,
אז מען נעמט און מען גיט מיר פּאָר שיינקייט אַ „פּרייז״.

איצט מיין טייערע — שרייבט וועגן זיך ,
ווי גייט איר אין מיוזענבערג, באָרוועס צי אין שיך ?
האָט איר זיך ערהוילט, אָפּגערוט ?
איז אייער שטימונג געוואָרן ווידער גוט ?
זייט מיר געזונט — טרינקט און עסט.
גריסט די פאַמיליע קאַסאָווער[2], אויך אלע געסט.

אַ „טיפּ״ וועל איך אייך געבן פון דעסטוועגן —
ביים סדר, ביי קאַסאָווערס, — זאָלט איר קיין קשיות ניט פרעגן..
זייט געגריסט, מיין פריינט געטרייע,
ווי עס ווינשט אייך אייער שטענדיק איבערגעבענע
חיה

[1] פּאָפּולערע קאַפּע אין יאָהאַנעסבורג.
[2] פאַמיליע קאַסאָווער — די בעלי־בתים פון האָטעל.

מיינע ציינער

(אַ פּאָר ווערטער פאַרן אָפּשייד)

איך זאָג אײַך, היינט, אַ „זיי געזונט״ — מיינע טייערע ציינער,
ווי איינגעוואקסן און ליב איר זייט מיר געווען — ווייס קיינער.
אזוי פיל יאָרן האָט איר מיר געטריי געדינט
און דעריבער, מיין גרויסע ליבע, צו זיך פאַרדינט...

אָפּט ווען אן עוולה געזען — נאָר איר אליין
האָט זיך פארקריצט, מיט צאָרן, מיינע ציין.
און ווי ליב און מיט גרויס שכל —
איר האָט זיך גלייך באַוויזן ביי אַ שמייכל...

ס׳איז היינט אייער יום־הדין געקומען —
איר ווערט מיט גוואַלד פון מיר צוגענומען.
איר וועט מער די האַנט ניט קענען בייסן,
וואָס וועט מיט צוואַנגען פון מיר אייך רייסן.

ס׳איז פאַרפאַלן באַשערט אונדזביידן,
אויף אייביק, היינט, מיט אייך זיך שיידן.
דאָך שווער איך היינט מיט האַרץ און שכל —
מעגן פאַלש זיין מיינע ציין — דאָך ערלעך בלייבט מיין שמייכל...

15־טן יולי, 1952

(אַ ווידמונג מיינע איבערגעבענע פריינט פון „מייפער״)

„מייפער״

זינט איך בין אין „גרינסייד״ געקומען
טומ־באַ, טומ־באַ, יאַ —
ניטאָ קיין פריינט, נאָר גראָז און בלומען,
טומ־באַ, טומ־באַ, יאַ...

פאר וועמען קען מען זיך אויסריידן,
טומ־באַ, טומ־באַ, יאַ —
סיידן פאר די שוואַרצעביידן,
טומ־באַ, טומ־באַ, יאַ...

שיין מיין הויז און גרויס דער גאָרטן,
טומ־באַ, טומ־באַ, יאַ —
איך שפּיל דאָך אָבער ניט קיין קאָרטן
טומ־באַ, טומ־באַ, יאַ...

מיין מאַן אויף מיר איז דאָך אייפער,
טומ־באַ, טומ־באַ, יאַ —
פאַר וואָס איך בין פאַרליבט אין „מייפער״,
טומ־באַ, טומ־באַ, יאַ...

אַוואו מיין גורל זאָל מיר פארטרייבן
טומ־באַ, טומ־באַ, יאַ —
טייער וועט מיר „מייפער״ בלייבן,
טומ־באַ, טומ־באַ, יאַ...

* * *

(לויטן מאָטיוו „אויפן פריפעטשיק ברענט אַ פייערל״)

פון בענקשאַפט אין מיין האַרץ
ס׳ברענט אַ פייערל
און ס׳איז מיר הייס —
אוי, ווי וועל איך זיך
אין „גרינסייד״ איינלעבן,
אסור אויב איך ווייס.

מיין הויז איז גרויס און שיין,
מיין הויז איז ליכטיק ריין,
נאָר קיינער קלאַפּט אין טיר —
אוי, ווי טייער דאָך
איז מיר „מייפער״ איצט,
ווי נאָך אַ מאַמען איך בענק נאָך דיר.

און די מענטשן דאָ
קיינמאָל אַהיים ניטאָ,
ווען איר קומט צו זיי —
איר מוזט מיט וואָכן דאָ,
באַשטימען גענוי די שעה,
ווען איר וועט האָבן „טיי״...

און די ליידיס דאָ
זיי ריידן ענגליש נאָר,
ס'איז אַזש אָך און וויי —
ווען איך קוק זיך נאָר
נעענטער צו צו זיי,
פון „פאָרדסבורג" דערקען איך זיי.

קיין קאָרטן שפּיל איך ניט,
קיין ענגליש רייד איך ניט —
וואָס וועט זיין פון מיר ?
אוי, ווי טייער מיר
איז „מייפּער" איצט,
ווי נאָך אַ מאַמען איך בּיינק נאָך דיר.

* * *

(מיינע פריינט, וועלכע זיינען ארויס פון „מייפער" קיין „בעריא")

הייסט עס, אונדז ביידן האָט דער זעלבער גורל געטראָפן —
פון די האַרציקע „מייפער" מיר זיינען אַנטלאָפן.
איר זיינט אין „בעריאַ", אַוואו מען הערט נאָך אידיש —
ביי אונדז אין „גרינסייד" — איז דער לשון אַ חידוש.
ווי פּאַסט עס פאַר אידן פון „פּאַרדסבורג" ארויס
צו נעמען און ריידן גאָר אידיש אין הויז?
קיין אידיש האָבן זיי דאָך ניט געהערט ביים טאַטע'ן —
דאָ אין „גרינסייד" קומען נאָר „אַריסטאָקראַטן".
און אויב איר שפּילט ניט, חלילה, אין קאָרטן —
וועט אייך קיינער שוין ניט קענען דאָרטן.
אָט בין איך, ליידער, ניט אין דער „גיים" —
זיץ איך טאַקע גאָר אָפּט אין דער היים.
אָבער ביי אייך אין „בעריאַ", פיל איך און פאַרשטיי —
אז די אידן זיינען ניט „מאָדערן" אזוי.

„פּאַרדסבורג", „מייפער", „בעריא" און „גרינסייד" — פּאַרשטעט אין יאָהאַנעסבורג.

פֿאַמיליען - אַלבאָם

ה׳ה — אין עלטער פון צוועלף יאָר.

מיין לעבן

א

כ'בין די אינגסטע קינד געווען ביי אָרעמע טאַטע־מאַמען,
געוואַקסן מיט פיר ברידערלעך און א שוועסטערל צוזאַמען.
הגם אין שטוב האָט אָפט געהערשט די נויט —
בין איך געוואַקסן געזונט, פריילעך, מיט בעקעלאך רויט.
אויף פּארקאַנעס קריכן געווען א גרויסער בעלן —
אָפט צעקלאַפּט זיך, ווען צו דר'ערד אַראָפּגעפאַלן.
ווינטער לויפן צום טייך זיך גליטשן אויפן אייז —
קומען אַהיים מיט צעקלאַפּטן קאָפּ פאַר אַ באַווייז.
מיטן לערנען בין איך שטאַרק ניט געווען פאַרנומען —
צוליב אַ „מעטריקע" האָט מען מיך אין שול ניט אָנגענומען.
פלעג איך דעריבער וויינען, קלאָגן —
האָט די מאַמע פאַר מיר א לערערקע געקראָגן.
געלערנט האָט זי מיר א ביסל רוסיש און לאַטיין —
געמערקט האָט זיך, אז קיין „למדן" וועל איך ניט זיין.
האָט די מאַמע, מיט זאָרג, באַטראַכט די זאַך
און באַשלאָסן — א שניידערין זאָל זיין מיין פאַך.
זייער נודנע איז געווען פאַר מיר שניידעריי —
האָט עס מיר געטריבן נאָך מער צו שטיפעריי.
מיט טרערן פלעגט די מאַמע זיך בעטן ביי מיר:
„חיה'לע! זיי א מענטש — וואָס וועט אויסוואַקסן פון דיר?"
הגם ס'איז שוין אייניגע צענדליק יאָרן פאַרפלויגן —
שטייט נאָך יענער בילד פאַר מיינע אויגן.

נח און דבורה מיכלסאָן — חיה׳ס עלטערן ; שוועסטער רבקה — אומגעקומען מיט איר פאַמיליע אין ראַדאָם (פוילן) ; ח י ה און איר ברודער שמואל, וועלכער איז אומגעקומען מיט זיין פאַמיליע אין לעטלאַנד.

איך בין דרייצן יאָר אַלט געוואָרן —
אין א גרויסער שטאָט זיך לערנען נייען אוועקגעפאָרן.
דאָרט האָט מען אויך שטוב-ארבעט געגעבן טאָן —
(„דאָס געהערט צום קענען נייען, צום פאַסאָן״).
פיר יאָר בין איך דאָרט אָפגעווען —
1914 די ערשטע וועלט־קריג איז געשען.

ב

און א באפעל אין א יאָר ארום —
אידן מוזן פארלאָזן ליטע פון אומעטום.
מען האָט די אידן פאר שפיאָנען באטראכט —
אין פיר און צוואנציק שעה האָט מען אונדז פאר היימלאָזע געמאכט.

אין אוקראינע, א שיינע לאנד, ווי דאָ
זיינען מיר דערפאָרן אין א מזלדיקער שעה.
די רוסישע אידן האָבן אָרגאניזירט קאָמיטעטן —
באזאָרגט די היימלאָזע מיט דירות, מיט בעטן.
מיר האָבן א דירה׳לע, א קליינע באקומען —
גלייך ארבעט זוכן גענומען.
מיין פאָטער איז געוואָרן א וועכטער ביינאַכט —
דאָס האָבן מיר פאַר א גליק באַטראַכט.
האָב איך מיט מיין שוועסטער (אין צווייען)
שטעלעס באקומען פארביידן צום נייען.
די מאַמע האָט די אָרעמע באלעבאטישקייט געפירט —
אין יעדן ווינקל האָט די נויט זיך געשפירט.
אוועק אזוי זיך א פאָר שווערע יאָרן —
מיין שוועסטער, מיט מזל, א כלה געוואָרן.
געוועזן איז איר חתן א בחור פון פוילן —
פון דאָרטן פיל מעשיות פלעגט ער אונדז דערציילן:
ווי ס׳האָבן אין פוילן געלעבט זיך די אידן —
געארבעט, געווען פרום, געלעבט זיך צופרידן.

היינט, קינדער מיינע, די האַרץ טוט מיר ווי —
מיינע ברידער, מיין שוועסטער אומגעקומען זיינען זיי.

ג

די רעוואָלוציע האָט אונדז אין רוסלאנד געטראָפן —
דער ארבעטער האָט גענומען זיינע אונטערדריקער באשטראָפן.
דער פויער און ארבעטער מיטן האַמער אין האַנט —
געוואָרן איז גאַנצער רעגירער אינם לאנד.
צו מיר האָט דער פייער פון רעוואָלוציע אפעלירט —
געוועזן בין איך איינע, וואָס ווערט עקספּלואַטירט.
עס זיינען פיל היימען געוואָרן צעשטערט,
א מענטשנ׳ס לעבן ניט געהאַט דאָן קיין ווערט.

חיה — ערשטע פון לינקס, אויף אַ לעקציע אין אַן אָוונט־שול אין מעליטאָפּאָל, אין יאָר 1918.

אין די עטלעכע שרעקלעכע מלחמה־יאָרן —
העלפט פון מײַנע חברים האָב איך אָנגעוואָרן.

פון אַרבעטן שווער פלעגט מיר ברעכן די גלידער —
פאַר אַ לעמפּל ביינאַכט פלעג איך שרײַבן דאָן לידער.
די מאַמע פלעגט שרײַען: — „ניט אַנדערש, אַ שטראָף!
אַ מיידל טויט־מיד און האָט ניט קיין שלאָף".
ס'האָט אַ דראַנג אַ שטאַרקער אין מיר זיך געריסן,
אַ שטענדיקער פאַרלאַנג צו לערנען, וויסן.
אויף קורסן און לעקציעס אָפט שפּעט געזעסן —
געלייענט, געלערנט — ניט געטראַכט גאָר פון עסן.

ד

צו גוט, צו שלעכט נעמט אַן ענד אין לעבן —
צום פאָרן אַ היים האָט מען „וויזעס" געגעבן.

דרייסיק מענטשן (ווינטער) אין אַ פּראַכט־וואַגאָן —
צוויי חדשים פאָרן — געווען דער לעבן אין קאָן.
מיר זיינען ביז ליטע קוים לעבעדיקע דערפאָרן —
מיין אָרעמער פאָטער האָט זיינע פיס אָפּגעפראָרן.

ווען מיר זיינען דערפאָרן ביז זשאַגער,
האָט דאָס שטעטל אויסגעזען ווי א טויטן־לאַגער:
די הייזלעך צעבראָכן, אומעטום פארוואקסן מיט גראָז,
קיין זאַך ניט געפונען, וואָס איבערגעלאָזן.
אין יעדן הויז געהערשט האָט קראנקייט און נויט,
די שרעקלעכע „טיפוס" געווען איז פארשפרייט.
אנדערע זיינען גלייך געוואָרן „באגליקט" —
פריינט פון איבערן ים האָבן הילף זיי געשיקט.
מיר, מיינע קינדער, קען איך אייך זאָגן,
האָבן פון ערגעץ קיין פענע געקראָגן.
מיין פאָטער געלעגן — די פיס אָפּגעפראָרן —
פאַנגט זיך אָן, ווידער, שווער־ביטערע יאָרן.
האָב איך גלייך גענומען זוכן פארדינען,
אָבער אָן א מאשין, ווי קען מען ארבעט געפינען?

ה

איז אזוי זיך א שטיק־צייט, א שווערע, פארלאָפן
און צופעליק האָב איך אייער פאָטער געטראָפן.
הגם אויסגעמאַטערטע, מיט הערצער באטריבט —
אָבער די „יוגנט" — מען האָט זיך פארליבט...
און פיל ניט געקלערט האָב איך באשלאָסן,
אַז ער איז ווערט צו זיין מיין חתן.

פיר יאָר שפעטער — אונדז צו דער חופה געפירט,
צען טעג ארום — האָט אייער פאָטער קיין אפריקע עמיגרירט.

א יאָר שפּעטער — זיך געזעגנט מיט אלטע טאַטע־מאַמען
געפאָרן אהער צו זיין מיט באשערטן צוזאַמען.
ווען איך בין שוין אהער געקומען —
אונדזער וועג ניט געווען נאָך באצירט מיט בלומען.
אין אונדזער שיינער, גאָלדענער מדינה —
זיינען מיר געווען אָרעם, פרעמד און גרינע.
מיר האָבן דאָ דורכגעמאכט שווערע יאָרן,
ווען איר, מיינע טייערע, זייט שוין געווען געבאָרן.
און זינט יענע גוטע צייטן —
שטייט אונדז פינף און צוואנציק יאָר פון דערווייטן.

ו

א גליקלעכע פאמיליע — מיר זיינען צוזאמען,
הגם איר האָט אָפּט פארדרוס פון דער מאמען,
הלמאי איך וויל זיין אנדערש ווי אנדערע ווייבער —
געקראָגן א „משוגעת״ — פארמעסט זיך מיט שרייבער.

גלויבט מיר, טייערע, ס׳איז אָפּט דער שרייבן —
ס׳העלפט מיר צייט און אומעט פארטרייבן...

— — — — — — — — — — — — —

כ׳האָב פון אייגענעם לעבן גענומען די טעמע —
פאר אייך, מיינע קינדער, בלייבט די פּאָעמע...



„פיר זיינען מיר געזעסן“ . . . אַקעגן א פאָטאָגראפישן אַפּאַראַט : מיין שוועסטער מלכה, מיין פאָטער ר׳ יצחק־אבא, חיה מיכלסאָן און איך — אלחנן שלמה פעדלער, (אַ וואָך פאַר אונדזער חתונה)

קאָוונע, 5־טן אַפּריל, 1926.

דעם טאָג פון דער חתונה

די יוגנט פאַרביי . . . דער מאָמענט פון ערנסט קומט אָן. די שיינע, זאָרגלאָזע, לוסטיקע טעג זיינען מיר היינט עפּעס אזוי שאָד, ווי נאָך קיין מאָל ניט. עפּעס שרעקט די האַרץ מיר אזוי פאר דעם מאָמענט פון דער חופּה. ווער ווייסט דעם רעזולטאַט פון אַזאַ לאָטעריי ? . . . עס קען אַמאָל אָפּנאַרן דער גאַנצער שפּיל . . . נאָר אלע זיינען נאריש אין דעם שפּיל . . . מוז מען אויך זיך נאַריש מאַכן . . . אַמאָל איז אַ נאַרישקייט גוט . . .

אָ ! שיקזאַל, וואָס גרייט מיר צו דער מאָרגגן ? . . .

חיה מיכלסאָן,

קאָוונע, דעם 13־טן אַפּריל, 1926.

רחל׳ען

האָסט מיר געשיינקט א ביכל, לידער צו שרייבן —
וועל איך זען אין אים מיינע לידער אָנצוקלייבן,
ווייל דער טאָג מוז דאָך קומען און איך וועל שוין ניט זיין,
זאָל דאָס ביכל, מיין קינד, אַ מתנה פאר דיר זיין.
אז ביי דיר זיך דערוועקן וועט בייגקעניש נאָך מאַמען
נעם דיינע ברידער צוויי — לייענט דאָס צוזאמען.
לייענט מיט געדאַנק — טראַכט און זוכט דעם זינען,
אין די שורות וועט איר ס׳הארץ מיינס געפינען.
אפשר וועט די מתנה גאָרניט זיין אזוי טייער,
פון מיין נשמה, אָבער, איז עס פונקען פון א פייער,
וואָס האָט יאָרן געטליעט טיף און שטיל —
צום אויסדרוק ברענגען, געדאנק, געפיל...
מיט שרייבן דאָס — איז געווען מיין כונה
זאָל ס׳ביכל בלייבן אייך, קינדער, א מתנה...

אַ טישטוך

איך שטיק אויס פאר דיר א טישטוך אין בלומען,
מיט פארשיידענע בונטע קאָלירן —
וועסט דאָס באנוצן, ווען געסט וועלן קומען,
ווען דו וועסט זיי אויפנעמען, טראַקטירן —
אין געמיטלעכע זוניקע פארנאכטן,
ווען מען וועט קומען מיט דיר טרינקען טיי
וועט אפשר ווער די בלומען באטראכטן
און פרעגן: — ווער געמאַכט האָט זיי?
דערצייל זיי דעם אמת דעם ריינעם
פון וועמען דו האָסט דעם געשייַנק,
ניטאָ קיין גרעסערער פריינט ביי קיינעם,
ווי אַן אייגענע מאמע — געדיינק!
וואָלט איך נאָר אונטער יעדן בלימל
מיין ברכה באַהאַלטן געקענט —
כ׳וואָלט ניט געשפּאָרט די ארבעט,
ס׳וואָלט מיד ניט געוואָרן מיינע הענט...

* * *

ווען איר, מיינע קינדער, זייט קליין געווען
איז דאַן מיין לעבן פיל שווערער געווען.
איבער אייער בעטל האָב איך אָפט געוואַכט,
ניט שלאָפן געקענט צוליב אייך ביינאַכט.
מיין גרעסטער וואונש דאַן איז געווען
צו זען אייך גרויס — און דאָס איז געשען...
אַוועק אזוי גיך די פּאָר גוטע יאָרן —
מיין חלום, מיין וואונש איז מקוים געוואָרן:
אויסגעוואַקסן איר זייט גרויס און שיין,
פאַר מיר היינט — אַ צירונג, אַ קרוין.
שוין זייט איר גרייט ארויסגיין אין „וועלט"
מיט אייך בין איך שטאָלץ — מיין האַרץ ס'קוועלט.
און מאַמעס הילף אייך מער ניט נויטיק —
איז גראָד מיין שטאָלץ צעמישט מיט ווייטאָק.
ניט אָפּגעשאַצט כ'האָב דאַן ווי זיס און שיין,
געווען אַליין יונג — ווען געווען זייט איר קליין...

אַ בינטל בלומען...

כ׳האָב א בינטל בלומען צונויפגעקליבן
און לייג אַוועק עס פאַר דיין טיר,
דאָס שענסטע וואס איז מיר פארבליבן
געבראַכט האָב איך עס היינט צו דיר.
דערפרישן ס׳זאָל דיין פרימאָרגן,
ווען אין לעבן גייסט ארויס —
זאָלסט ניט וויסן פון קיין זאָרגן,
גליק זאָל רוען אין דיין הויז.
מיין האַרץ פאַר דיר וועט אייביק פילן,
אויסשפרייטן מיין ברכה אין דיין וועג,
מיט געבעט אין הארץ א שטילן —
ס׳זאָלן לייכטן דיינע טעג.

רחל׳ס חתונה

כ׳האָב באַגעגנט היינט דיין בליק,
פאַרשטאַנען וואָס דו האָסט געמיינט —
דער וועג אויף דעם איך גיי צוריק,
ווילסט וויסן צי עס האָט געליינט ?..

וואָס קען איך זאָגן דיר מיין קינד ? —
וועסט דאָס לעבן זען אליין.
פאַר וועמען ס׳איז שטורעם־ווינט,
פאַר אײנעם — לויטער זונען־שיין...

זע, באַציר אליין דיין וועג
מיט שיינקייט וויפיל נאָר פאַראַן,
מיט גוטס, מיט ליבע און אַ ברעג,
געטריישאַפט צו דיין מאַן.

ניט צווייפל, הויב אויף דיין בליק!
מיט האָפענונג גיי פאָראויס!
שיינען וועט דיר דאַן דאָס גליק,
זיבן זונען אין דיין הויז...

20־טער יאַנואַר, 1951.

* * *

מיין קינד, דיין חתונה־טאָג איז היינט,
דער זאַל פול געסט, מיט פריינט.
דו, ווי אַ פרינצעסין בינסט היינט שיין,
דער שלייער אויף דיין קאָפּ אַ קריין.

פון דיין ווייסער חופּה־קלייד
ווייט מיט פרישער יוגנט־פרייד,
פון דיין יונגן מיידל־בליק
שטראַלט ארויס היינט האָפענונג־גליק.

אין מיינע אויגן נאָר אליין
האָסטו, קינד מיינס, טויזנט חן.

דו פאַרלאָזט אונדזער הויז —
צום אייגן לעבן גייסט ארויס.
זאָל באַגליקט דיר זיין דער טריט,
מיין האַרץ פול ברכות באַגלייט דיר מיט.



דוד׳לס בר־מצוה

אויף דעם מאָמענט איך האָב געוואַרט,
פיל געהאָפט און געגאַרט
צו זען דיר ווי דו שטייסט,
דיין בר־מצוה־מפטיר דו לייענסט.

נאָר ניט באַשערט געווען איז מיר,
צו זיין יענעם טאָג נעבן דיר
און הערן דיין שטים יונג און ריין,
דיין פנים אזוי ליכטיק שיין.

ס׳האָט אָ וואָלקן גאָר פאַרשטעלט
די זון אין יענעם טאָג מיין וועלט.
כ׳האָב ניט געוויינט, ווען מיט דיין קוש —
מיין האַרץ צעריסן פון פאַרדרוס...

געוואונטשן — גיי מיט גליק מיין קינד
און זיי באַהיט פון שטורעם־ווינט.
אויב באַשערט אונדזביידן לייד און פיין —
זאָל דער מאָמענט א קרבן זיין,
פון פרייד, וואָס געוואָרן איז צעשטערט,
פון נחת, וואָס מיר ניט באַשערט...

ווי אָ פויגל אין אָ שטייג —
מיין האַרץ, כ׳האָב געזאָגט — דו שוויג!
אפשר וועט פרייד נאָך זיין באַשערט —
דאָס לעבן האָבן וועט דאַן אָ ווערט...

קראַנק געוואָרן צו דוד׳ס בר־מצוה.

ס׳שטייט ניט אויף איין אָרט די צייט —
דערלעבן זען פון דיר אַ לייט.
וואָס איז דער גאַנצער לעבן דען?
נאָר גוטעס פון אייך, קינדער, זען.
נאָר קריגן וועל איך צום לעבן מוט —
ווען דיר, מיין קינד, וועט נאָר זיין גוט...

איך בעט דיר, קינד מיינס, זאָג מיר צו
צו זיין אַן ערלעך מענטש, מיט מוט —
גערעכטיקייט זאָל זיין דיין ציל,
צו דיינע מיט־מענטשן זיי גוט.

ניט זאָג אָפּ קיינעם וואָס שטרעקט אויס אַ האַנט,
וואָס קעמפט פאַר לעבן, פאַר יושר, ברויט —
געלט ניט פאַרשטעלן זאָל דיין האַרץ ווי אַ וואַנט,
פיל מיט מיט יעדן אין זיין נויט...

די צייכענונג איז אַן ארבעט פון דוד׳ן און זיין נאָמען און דאַטום פונעם טאָג פון זיין בר־מצוה איז דאָ דערויף.

מיין בר-מצוה

(אַ בלעטל זכרונות צו דער בר־מצוה־פייערונג פון אונדזער עלטערן זון מאָטל).

זשאַגער איז געווען אַ שטעטל ווי אלע שטעטלעך, פון דעם מין שטעטלעך אוואו קיין גביר איז דאָרט קיינמאָל ניט געשטאָרבן.

אז טאָמער איז דאָרט יאָ געווען איינער א גביר, שכנא צאַלעל׳ס (בצלאל׳ס), אויף וועמען חברה קדישא האָט אויסגעקוקט די אויגן ער זאָל „צומאַכן אן אויג" — האָט ער אָפּגעטאָן די שטעטל ווי אויף להכעיס און אוועקגעפאָרן שטאַרבן אין לעטאָווע (מיטוי).

אין זשאַגער זיינען געווען בעלי־בתישע אידן, אידן לומדים, צוליב וועמענס זכות זשאַגער האָט זיך דערוואָרבן אַ נאָמען אין דער ארומיקער וועלט „חכמי־זשאַגער".

אָבער, ווי אָנגעמערקט, האָבן דאָרט קיין עניים ואביונים ניט אויס־געפעלט, און סתם קבצנים פון וועלכער „גילדע" מיין פאָטער איז געווען אַ „מעמבער" — וועגן דעם איז גאָר ניטאָ וואָס צו ריידן.

מיין פאָטער, אַ האָרעפּאַשניק, וועמען עס האָט זיך זייער שווער גע־לעבט, האָט זיך אויף זיין שווערע לאַגע ניט באַקלאָגט. זייענדיק אַ פרו־מער איד, אַ ירא־שמים, האָט ער אָנגענומען אז אלץ איז מן־השמים. אויב אים איז באַשערט צו זיין אַן אָרעמאַן — איז דאָס פון גאָט, והא ראיה: עס שטייט דאָך געשריבן אין דער תורה „לא יחדל אביון מקרב הארץ" — אַן אָרעמאַן וועט אלע מאָל זיין אויף דער וועלט — טאָר מען ניט זיין אומצופרידן (און א ברירה האָט ער געהאַט?).

מיין פאָטערס צווייטער זווג איז אויך ניט געווען קיין געראָטענער. איך בין געווען אַ יתום. און א יתום, האָט אמאָל געזאָגט אַ אידישער גע־לערנטער (דר. י. ל. קאצענעלסאָן), איז ניט דער, ווער עס האָט ניט קיין מאַמען — נאָר א יתום איז דער ווער עס האָט אַ שטיף־מאַמען*). איך זאָל וועגן האָבן ארויסגעזען ליבשאַפט פון אַ מאַמען — דאָס געדענק איך

---

*) ער האָט עס, אגב, געזאָגט וועגן אַ שטיף־טאַטע׳ן.

ניט, ווייל ווען איך האָב מיין מוטער פארלאָרן בין איך קוים פינף יאָר אלט געווען.

מיין פאָטער האָט דאָס אויך מקבל באהבה געווען, ווייל ער האָט גע־האַלטן, אז די באַשערטע איז אויך פון גאָט, און פערציק טעג איידער דער מענטש ווערט געבאָרן ווערט אין הימל אויסגערופן „בת פלוני לפלוני" (דעם און דעם'ס טאָכטער וועט זיין דיין פלונית'טע) קען מען זיך עפּעס העלפן? (בפרט נאָך ווען מען איז געשטראָפט צו האָבן די צווייטע פלונית'טע).

מיט איין זאַך אָבער איז מיין פאָטער ניט געווען צופרידן, האָט זיך ניט באַגנוגנט און זיין דורשט ניט געשטילט, (דאָס איז ניט חלילה געווען דער „ביטערער טראָפּן", ווי עס טרעפט מערסטנס אין אזעלכע שווערע לעבנס ווי מיין פאָטער'ס) — נאָר דער דורשט צום לערנען.

אין די קוואַלן פון אידישן וויסן האָט ער געשעפּט ענערגיע צו טראָגן דעם שווערן יאָך פון זיין לעבנס־וועג. זייענדיק אַ לוין־אַרבעטער ביי יענעם און ארבעטנדיק לאַנגע שעה'ן — האָט ער דאָך געפונען צייט צו לערנען (איך געדענק ניט צו האָב איך ווען געזען מיין פאָטער אין אַ פרייער מינוט ניט האַלטנדיק א ספר אין האַנט). דאָס האָט מיטגע־בראַכט, אז אין פארלויף פון יאָרן איז ער געוואָרן א איד אַ למדן, אַ מופלג. ער האָט געהאלטן פון דעם כלל, אז די תורה איז געגעבן גע־וואָרן פאר אלעמען גלייך, פאר אָרים און רייך.

זיין דראַנג צום לערנען האָט אויך מיטגעבראַכט, אז ער האָט מיך געשיקט לערנען ביי די בעסטע מלמדים, און אין חדר בין איך געגאַנגען מיט די בעלי־בתישע אינגלעך, הגם לויט מיין פאָטער'ס מיטלען נאָך האָב איך געדאַרפט גיין אין דער שטעטלשער תלמוד־תורה, אוואו דער שכר־למוד איז געווען אַ מינימאַלער, און פאר די וועלכע האָבן אינגאַנצן ניט געקענט צאָלן — האָט די שטעטל געצאָלט און באַקליידט אויך.

איך בין אפילו אויך דורכגעגאַנגען דעם עטאַפּ פון ווערן געשיקט פון רבי'ן אַהיים, ווייל מיין פאָטער האָט קיין שכר־למוד ניט געהאָט באַ־צאָלט אין צייט (דעם רבי'ן איז אויך ניט געווען צו פארדענקען, ווייל ער איז אויך געווען פון דער זעלבער קאַטעגאָריע קבצנים ווי מיין פאָטער).

מיין פאָטער האָט זיך אָבער אַן עצה געגעבן. ווי אזוי ער האָט דאָס באַוויזן פון זיינע מאָגערע פאַרדינסטן — קען איך ניט פאַרשטיין.

מיינע פעאיקייטן אין חדר זיינען געווען ניט קיין ערגערע ווי יעדער דורכשניטלעכער אינגל. און הגם קיין זינגער בין איך ניט געווען, ווייל

ווי האָט געזאָגט שלום־עליכם ? — „אז מען איז רייך — איז מען שיין און קלוג און מען קען גוט זינגען", איז לויט מיין טאַטנ׳ס הויז — האָב איך שוין קיין „זינגער" ניט געקענט זיין. אָבער די נויטיקע מוזיקאַליש־קייט וואָס עס פאָדערט אום צו קענען מעביר זיין די סדרה און די הפטרה פון דער וואָך — מיט דער באַגאַבטקייט בין איך גראָד געווען געבענטשט, און האָב גראַד ארויסגעוויזן בריה׳שקייט אין דער דאָזיקער תורה, און קיין ספּעציעלע צוגרייטונג פאַר מיין מפטיר צו מיין בר־מצוה האָב איך ניט געדאַרפט.

אָבער ווען די צייט פון מיין בר־מצוה האָט זיך דערנענטערט, האָט מיך באַהערשט אַ נערוועזישקייט און איך האָב מיינע קענטעניש ניט אָנגעטרויט. איך האָב זיך אליין גענומען צוגרייטן און עס האָט לאַנג ניט געדויערט, אז איך האָב געקענט מיין מפטיר אויף אויסווייניק. איך האָב זיך אזוי איינגעלערנט, אז מען זאָל טאָקע ניט קענען טאַדלען, ווייל אין דעם מפטיר איז באַשטאַנען די גאַנצע פייערונג פון מיין בר־מצוה. וועגן א „רעספּשאָן" איז גאָר אפילו קיין רייד ניט געווען און וועגן האַלטן א דרשה אודאי ניט, איז האָב איך זיך געוועלט אויסצייכענען מיט מיין מפטיר.

אָבער דער שפּריכוואָרט — „אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט" — איז אויסגעפאַלן אויף מיין ביטערן גורל. איך בין יענעם שבת פון מיין בר־מצוה געשטאַנען אין „בטלנים" (די קלויז וואו מיין פאָטער האָט געדאַוונט דריי מאָל אַ טאָג און געלערנט אויך) מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אויף דער לאַנג־געוואָרטער מינוט. איך האָב אָבער זיך גאָר ניט גע־קענט פאָרשטעלן, אז עס קען פאַסירן אזוינס, וואָס עס האָט מיר גע־טראָפן מיט מיין מפטיר מיט אזא אומדערוואַרטקייט.

מיט מיין מפטיר האָט פאַסירט ווי מיט יענעם אינגל גייענדיק אין חדר, האָט געהאַלטן אין איין האַנט דעם סדור און אין דער צווייטער אַ בייגל — איז געקומען אַ הונט און ארויסגעכאַפּט דעם בייגל — האָט ער אַ וואָרף געטאָן צום הונט דעם סדור און אים געהייסן גיין אין חדר.

גראָד דעם שבת פון מיין בר־מצוה האָט זיך דעם גבאי פון קלויז פאַרוועלט צו האָבן יאָרצייט, און ווי עס ווייזט אויס איז דעם גבאיס יאָרצייט געווען א גרעסערע שמחה ווי מיין בר־מצוה, ווייל ער האָט אויס־געכאַפּט מיין מפטיר און מיך האָט מען אויפגערופן אחרון.

אויב יענער הונט האָט געפאָלגט דעם אינגל און געגאַנגען פאַר אים אין חדר, און אויב דער גבאי האָט דעם שבת פון מיין בר־מצוה אויך אויסגעפירט די איבעריקע פונקציעס פון א בר־מצוה, נעמלעך: אויב ער

האָט יענעם שבת געפּראַוועט אַ „רעסעפּשאָן“ און געהאַלטן אַ דרשה — דאָס זיינען אזוינס, וועלכע איך בין פאַרבליבן ניט געוואוסט ביז היינ־טיקן טאָג.

אַ ביטער־אַנטוישטער בין איך געווען דעם טאָג פון מיין בר־מצוה.



צו אונדזער עלטערן זון מאָטלס בר־מצוה, (8־טער פעברואר, 1947)

„אַ גליקלעכע פאַמיליע — מיר זיינען צוזאַמען, הגם איר האָט אָפּט פאַרדרוס פון דער מאַמען, הלמאי איך וויל זיין אנדערש ווי אנדערע ווייבער — געקראָגן אַ „משוגעת“ — פאַרמעסט זיך מיט שרייבער“...

אונדזער זילבּערנע חתונה

צוזאמען איבערלעבטע גליקלעכע צייט —

פינף און צוואַנציק יאָרן אונדז זילבערט פון דער ווייט.

האָבן מיר פון לעבן געגאָסן ליבע, גליק —

יאָרן, וואָס פארלאָפן קומען ניט צוריק.

דער לעבן ווי א חלום גייט זיך פארביי;

געלעבט, געליטן — געבליבן געטריי.

דאנק איך מיין גורל פונעם אָנהייב ביז היינט —

צוגעשיקט האָסט מיר א חבר, א פריינט.

ווילט זיך נאָך גיין אזוי ביינאַנד,

ביז אונדזער זון וועט פאַרגיין דאָרט ביים ראנד...

קינדער ווי בלומען אונדזער וועג האָבן באשיינט,

מיט זייער נחת ווערט דער עלטער געקרוינט.

זאָל אונדזער לעבן זיין א שפיגל פאר זיי —

מיר זאָלן דערלעבן זייער זילבערנעם יובילײ.

זיבן און צוואַנציק יאָר

פאַרלאָפן ווי אַ שטורעם
אונדזערע זיבן און צוואַנציק שיינע יאָר,
האָבן יאָרן נאָכאַנאַנד
באַזילבערט דיינע האָר.

קנייטשן אין מיין פנים —
ס'האָט געמאַכט די צייט,
גייען מיר איצטביידע
שטיל, ווי אַלטע לייט.

נאָך יאָרן וואָס פאַרבליבן
מוז טייערביידן זיין —
ווי חברים, פריינט געטרייע
מיט הערצער — זונען שיין...

ווילט זיך גאָרניט טראַכטן,
וואָס וועט שפּעטער זיין —
געטרייע פריינט מיר בלייבן
אין פרייד אַזוי אין פּיין...

„עדיטה־קאַוועל נורסינג־האוס"

(נאָוועמבער, 1949)

איך ליג קראנק אויפן בעט — עס רעגנט עס גיסט,
פארכמארעט דער הימל, פינצטער און וויסט.
אויך מיין געמיט מיט וואָלקנס פארדעקט —
זעקס וואָכן, ווי די זון האָט זיך פאר מיר ניט אנטפלעקט.
אוועק מיין געזונט, היימלעכקייט און גליק,
ווער ווייס אויב די זון וועט וועט מיר שיינען צוריק.
די קראנקייט, דער אומגליק, איז מיר באפאַלן אומדערוואַרט —
ס'האָט מזל מיך גאָר אָפּגענאַרט.
גאָטעניו! העלף מיר קומען אהיים גיך,
ס'דארפן נאָך טייערע — אהיים נעבן זיך.
כ'דארף און פארלאנג קיין זאך ניט אצינדער,
נאָר צוריק זיין מיט טייערע און קינדער.
ס'איז מוטערלעכע פליכטן צום ברעג ניט דערפירט —
מיין איינציקע טאָכטער צו דער חופה ניט געפירט.
דוד'לס בר־מצוה, זיין מפטיר וויל איך הערן,
פון מאָטלען א מענטש — כ'וויל זאָל ווערן.
גאָטעניו! שענק מיר דעם איינציקן גליק —
קומען א היים צו מיינע טייערע צוריק.

פופציק יאָר

שוין פינף־צענדליק צושאָטן פון מיין בינטל יאָרן,
גלויב מיר איך ווייס ניט אוואו איך האָב זיי פארלאָרן.
אויף די וועגן, מסתמא, פונם לעבן דעם שווערן —
ס׳איז שווער צו פארשטיין — צו דערקלערן.
דער לעבנסוועג איז דער׳נערדיק און שטויביק —
מיר קומען, פארגייען — אזוי שוין פון אייביק.

קען ווער קלאָר מאכן דעם זינען,
דעם תוך פון לעבן געפינען ?
וועמען פרעגן ? ווער וועט דען זאָגן ?
ס׳לויפן אזוי זיך די יאָרן און יאָגן.

— — — — — — — — — —

מיר דוכט זיך ערשט נעכטן צוריק,
געוועזן אזוי יונג, ס׳הארץ פול מיט גליק.
א וועלט האָט אנטקעגן געשטיפט, געלאכט —
יאָרן ! ווער האָט געציילט אייך, ווער האָט געטראכט.
פון אלטקייט, שוואַכקייט, גרויע האָר
און פלוצלינג די כוחות פארלאָזן דיך גאָר.
הגם איר לאָזט מיר איבער פארמאַטערט און מיד,
באגלייט איך אייך היינט ארויס מיט מיין ליד.

*   *   *

אַוועק זיינען די יאָרן געשווינד —

אַוועק אזוי מיטן ווינט.

דער עלטער ער ווינקט שוין צו מיר,

דער עלטער ער קלאַפּט אין מיין טיר.

אוי, אַלטקייט! — איך בּיינק ניט נאָך דיר —

ניט קום אזוי גיך צו מיר,

ווייל גאָר ווייניק האָב איך דערלעבט,

הגם איך האָב צו א סך געשטרעבט...

צום דערשיינען פון

שטילע געזאַנגען

אַ האַרציקע באַגריסונג

„לייענען שירים — איז אַ חכמה“.

אזוי זאָגט דער באַרימטער גריכישער פילאָזאָף פּלוטאַרך, אָבער דאָס איז אַ חכמה, וואָס קומט פון הארץ און ניט פון קאָפּ אליין.

אין העברעאיש רופט מען אזא חכם: חכם לב, אַ האַרץ חכם.

אמתע לידער מוזן געשריבן ווערן מיט האַרץ, מיט אַ וואַרעמע האַרץ, מיט טיפע געפילן, וואָס קומען פון טיפן הארצן.

אַ גוטער קינסטלער קען שרייבן לידער, אָבער קיין פּאָעט ווערט ער ניט. זיינע לידער זיינען קאָפּ־אַרבעט, אָבער זיין האַרץ און די האַרץ פון זיינע לייענער בלייבט קאַלט.

ווען איך האָב אָנגעפאַנגען לייענען די לידער פון פרוי פּ ע ד ל ע ר האָב איך געפילט, אז דאָס זיינען דברים היוצאים מן הלב, ווערטער וועלכע קומען פון האַרצן, און עס נעמט דורך, ווען מען לייענט דעם ליד „עדיטה קאָוועל נויר־ס״נג האָום“.

עס איז ניט קיין שיר השירים, עס איז אַ שיר היסורים. זי איז געווען זייער קראַנק און איר האָט זיך געדוכט, אז זי געזעגנט זיך מיט אירע טייערע און מיט דער גאַנצער וועלט און זי לאָזט די לידער פאר רחלען און אירע צוויי ברידערלעך.

און אז איך לייען די לידער נאָך דער הקדמה, דוכט זיך מיר אז איך הער דאָ אַ בת־קול פון מיינע יונגע יאָרן — פון זשאַגער — ווי מאַמעס פלעגן זאָגן מיט זייערע קליינע מיידעלעך „מודה אני“ אין דער פרי.

עס בליצן אויף פאַר מיינע אויגן די וואונדערבאַרע פערזן פון דעם געניאלן פּאָעט יהודה לייב גאָרדאָן אין זיין אומשטערבלעכער פּאָעמע „קוצו של יוד“:

אמה תלבישנה ותסרק שערה
ובשחוק נחת שומרת את פִּיה,
כי ידיה הקטנות כפותין על לבה,
עיניה באמה ובשמלתה החדשה
הקטנה בקול יונים קוראת בחבה:
„תורה צוה לנו משה מורשה...
„אשמע מוסר אב תורת אם אקשיבה
„ובעיני אל ואדם דרכי איטיבה“*).

עס איז פאַר מיר צו־שפּעט צו ווערן אַ פּאָעט און איך קען ניט איבערגעבן אין אַ פּאָעטישן יידיש די שיינע פערזן, אָבער ווער געדענקט עס ניט דעם הערלעכן בילד ווי אונדזערע מאַמעס פלעגן זאָגן מיט זייערע קליינע מיידעלעך די תפילה פון „מודה אני“, און דאָס מיידעלע פלעגט שטיין „אויסגעצוואָגן און פארקעמט, די הענטעלעך אויפן האַרצן צו־זאַמענגעלייגט“, די אויגעלעך קוקן אויף דער מאַמען און אויף איר נייער קליידעלע און נאָכזאָגן: איך וועל פאָלגן טאַטע־מאַמען און טאָן וואָס גאָט און פרומע לייט הייסן.

וואָס פאר אַ שיינע אידיליע מיר האָבן געזען אין אונדזער היימאַט־שטעטל זשאַגער יעדן מאָרגן אין יעדער יידישער הויז.

דאָס עכאָ, דער ווידערקול הערט זיך דאָ אין דער ווייטער יאָהאַנעסבורג, און דאָס בילד שטייט אונדז לעבעדיק פאר

---

*) די מאַמע פאַרקעמט זי און טאַקע דורך דעם
זי קוועלט, ווען זי קוקט איר אריין אין די אויגעלעך.
באַטראַכט נאָר דאָס מלאכ׳ל ס׳קליינע מיידעלע,
און זעט נאָר, ווי אַרטיק זי שטייט אויף אַן אָרט;
זי קוועלט פון איר מוטער און פון איר נייע קליידעלע
און מורמלט דעם „מודה אני“ וואָרט ביי וואָרט;
תורה צוה לנו משה מורשה
כ׳וועל פאָלגן דער מאַמעס און טאַטנס בקשה.

(לויט איבערזעצונג י. י. ש װ א ר ץ)

די אויגן. עס גייט דורך אַ וואַרעמער שטראָם אין דער אייז־קאַלטער סביבה, אין וועלכער מיר לעבן. עס ווערט ליכטיק אין די אויגן.

פרוי פ ע ד ל ע ר איז פון די געציילטע גליקלעכע מאַמעס, וואָס האָט א פּאַטעטישן חוש און קען, אין אַ שיינעם יידיש, איבערגעבן אירע קינדער אירע יידישע געפילן.

אָבער טרויעריק פּיינלעך ווערט אויפן האַרצן ווען איר לייענט ווייטער דאָס ליד „אין חלום...“ :

ס׳האָט זיך אין חלום געדאַכט מיר—
כ׳בין ווידער אהיים געוועזן.
געטראָפן די ליבע געשטאַלטן, וואָס
יאָרן זיי שוין ניט געזען...

וואָס פאַר אַ טיף רירנדע מצבה נאָך אונדזער טייערער שטעטל זשאַגער דאָס איז !

זייער האַרציק און מוטערלעך איז דאָס ליד : — „איך שטיק אויס פאַר דיר אַ טישטוך אין בלומען“. איר פילט, אז די בלומען ווערן דאָ באַנעצט מיט פריידטרערן און איר זייט זיכער, אז ווען רחלע וועט אויסשפּרייטן דעם טישטוך, וועלן זיך אירע פרייד־טרערן פינקלען אין אירע אויגן און זיך צוזאַמענגע׳סן מיט די מאַמעס טרערן. זי שרייבט : —

„וואָלט איך נאָר אונטער יעדן בלימל
מיין ברכה באהאלטן געקענט
כ׳וואָלט ניט געשפּאָרט מיין ארבעט,
ס׳וואָלטן מיד ניט געוואָרן מיינע
הענט...“

מיט גרויס געפיל איז געשריבן דאָס ליד : „ערשטער יאָרטאָג פון מדינת ישראל“.

און אזוי ווי אונדזער פאָלק פאַרגעסט ניט אין זיין שענסטן פרייהייטס־יום־טוב פּסח דעם „שפוך חמתך“, אזוי פאַרגעסט אויך ניט פרוי פ ע ד ל ע ר איר „קללה“ : —

„מיין קללה אויף דיר, ליטע־לאַנד.
דיין נאָמען וועט אייביק זיין
אַ שאַנד“.

שיין זיינען די לידער „ביים ים“ און „אַ ווינטער נאַכט“.

האַרציק איז די באַגריסונג צו „אברהם סוצקעווער“, דעם פּאַרטיזאַן־פּאָעט, וואָס האָט זוכה געווען אויסגעלייזט צו ווערן פון אלע גלותן און שמידן די „גאָלדענע קייט“ אין ישראל. זיין באַזוך דאָ, אין דרום־אפריקע, איז געווען א יום־טוב פאַר אַלע יידן, וועלכע האָבן זוכה געווען צו זען א נייעם „אברהם, וואָס איז ארויס לעבעדיקערהייט פון קאַלך־אויוון“.

מיט גרויס צער זיינען דורכגעוויקט די לידער „מיין נר תמיד“ און „זשאַגער“ (צום יאָרצייט).

איך קען מיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויף אלע לידער, נאָר איך קען זאָגן מיט אַ ריינעם געוויסן : זיי האָבן אלע אַ באַזונדערן חן.

ס׳איז אַן אויסנאַמיקער ביכל. ס׳ווערט ניט געדרוקט פאר געלט, ניט פאר „ביזנעס“, ס׳ווערט אלס „מאַנוסקריפּט געדרוקט“. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל ביי אונדז אין דרום־אפריקע, וואָס א בוך ווערט געדרוקט פון אַ מאַמען צו קינדער, און די קינדער און זייער פאָטער מעגן שטאָלץ זיין אויף דעם ביכעלע, און באַזונדערס מיר, די זשאַגערער לאנדסלייט.

י. ש. י ו ד ע ל אָ ו י ץ.

(„אַפריקאַנער אידישע צייטונג“ — 30/4/1951)

שטיל, ווי די „שטילע געזאַנגען“ גופא, אָן פויק און אָן ליארעם, איז נאָר וואָס דערשינען אין יאָהאַנעסבורג אַ ביכל לידער מיטן אויבן דערמאָנטן נאָמען, פאַרפאַסט פון חיה פעדלער.

דער „פאַרלעגער“, „בחור הזעצער“ און „פאַרשפרייטער“ פון דעמדאָזיקן עסטעטיש־ארויסגעגעבענעם ביכל איז חיה פעדלער׳ס מאַן, דער אידישער דרוקער, אלחנן פעדלער.

חיה און אלחנן פעדלער, געבאָרענע זשאַגערער, האָבן נאָר וואָס געפייערט זייער זילבערנע חתונה. די „שטילע געזאַנגען“ זיינען אַ צוזאָג פון די בחור׳שע יאָרן, אויסגעפירט צו דער פייערונג פון זייער זילבערנע חתונה און איז געהייליקט דעם אָנדענק פון זייער געבורט־שטאָט זשאַגער.

די גאַנצע הכנסה פון ביכל גייט לטובת דעם פאַראייניקטן ישראל אַפּיל און זשאַגערער סאָסייטי.

„מיר זיינען ניט אויסן דערמיט דאָס זאָל זיין אַ בייטראָג צו דער אידישער ליטעראטור און מיר איבערשאַצן ניט דעם ווערט, און „פיינשמעקערס“ וועלן געוויס געפינען חסרונות, שרייבט דער „בחור הזעצער“ אין זיין „במקום אַ הקדמה“.

אַ מעלה האָט דאָס ביכל, וואָס די לידער זיינען געשריבן פשוט, האַרציק, מיט אַ פאָלקסטימלעכער שפּראַך. חיה פעדלער האָט אַ פּאָעטישן חוש, וואָס קומט צום אויסדרוק אין אייניקע לידער אירע.

אין איר קורץ ליד „פאַרוואָס איך שרייב“ קען מען געפינען אַן ענטפער צו חיה פעדלער׳ס פּאָעטישע נייגונגען:

„כ׳האָב מער קיין שוועסטער, קיין ברידער —
„ניטאָ וועמען שרייבן — שרייב איך לידער . . . א.א.וו.

פריינט י. ש. יודעלאָוויץ גיט צו האַרציקייט צו דעם ביכל מיט זיין „האַרציקע באַגריסונג“.

„ס׳איז אַן אויסנאַמיקער ביכל“ שרייבט ער. „ס׳ווערט ניט געדרוקט פאר געלט, ניט פאר ביזנעס“. „ס׳ווערט אלס מאנוסקריפּט געדרוקט“. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל ביי אונדז אין דרום־אפריקע, וואָס א בוך ווערט געדרוקט פון אַ מאַמע צו קינדער, און די קינדער און זייער פּאָטער מעגן שטאָלץ זיין אויף דעם בי־כעלע, און באזונדערס מיר, די זשאַגערער לאַנדסלייט“.

(„דרום־אַפריקע“ — מאי, 1951):

א. ש. פעדלער האָט מיר געגעבן דאָס ביכל „שטילע געזאַנגען“. מיש איך איבער די הילע, פאַלט מיין בליק אויף די מאָטאָ שורות:

„שטילע האַרציקע געזאַנגען
זינגט נשמה אין דער שטיל —
כ׳הער פון אייך געפאַנגען,
ס׳וויקלט איין אייך מיין געפיל.
יעדעס לידל וואָס איך זינג —
פרייט זיך האַרץ מיינס מיט,
דעם אומעט איך פארקלינג —
מאַכט לייכטער מיין געמיט . . .

גייט ארויס אין ברייטער וועלט!
(הגם שוואַך איז אייער טראָט)
זייט מצליח און געפעלט,
זייט גרייט פאר לויב און שפּאָט . . .

אין דער „במקום אַ הקדמה“ שרייבט איר מאַן: „געוויס קאָן מען געפינען חסרונות, דער מאַנוסקריפּט איז אפילו ניט געגעבן געוואָרן קאָרעגירט צו ווערן, ווייל אַ רעטושירונג ענדערט אָפּט אַ נאַטירלעך פּנים. מיר זיינען אויסן, עס זאָל האָבן א גרעסערן ווערט ביי אונדזערע קינדער, וועלכע קאָנען די מאַמען אָן געקינצלטקייט“.

די קורצע האַרציקע „במקום א הקדמה“ איז די ראַם צו אַן אינטים פאַמיליע־בילד געפאַסט אין שורות, וואָס קומען פון האַרץ און פליסן צום האַרץ.

חיה פעדלער איז ניט אויסן צו שרייבן ליטעראַטור, זי וויל ניט מזכה זיין די יידישע דיכטונג מיט אַ ווערק. דאָס

שרייבן איז פאַר איר א משפּחה זאַך. איר ציל איז צו ווייזן א שטעזשקע פאר אירע קינדער: זיי איבערלאָזן דעם יחוס־בריוו, דאָס היימישע יידישע לעבן, דאָס היימישע ליד און לשון, איר צוגעבונדנ־קייט צו יידישע קולטור־ווערטן. זי וויל אירע קינדער זאָלן אָפּהיטן דעם דאָזיקן אוצר פון יידישקייט און ציען אַ יידישן המשך. אינעם ליד צו איר טאָכטער „רחל׳ן״ שרייבט זי:

„האָסט מיר געשענקט אַ ביכל, לידער
צו שרייבן —
וועל איך זען אין דעם מיינע לידער
אָנצוקלייבן.
ווייל דער טאָג מוז דאָך קומען, איך
וועל שוין ניט זיין
זאָל דאָס ביכל, קינד מיינס, אַ מתנה
פאר דיר זיין.
אז ביי דיר זיך דערוועקן וועט בענ־
קעניש נאָך מאַמען —
נעם דיינע ברידער צוויי — לייענט
דאָס צוזאַמען...

אָט דאָס באַגערט זי: — לייענט דאָס צוזאַמען.

חיה פעדלער זינגט אַ געבעט־ליד. נאָר לויט אירע מעגלעכקייטן און לשון, ווי זי קאָן. ערטערווייז פינקלט ארויס פיינער פּאָעטישער חוש:

„גיי איך מיט שטילע טריט —
גייטביים זייט דער אומעט מיט.
בעט איך אומעט: לאָז מיך אָפּ —
בויג ניט איין מיין מידן קאָפּ״
א.א.וו.

עכט און רירנד איז דאָס ליד „פאַר־וואָס איך שרייב״

„כ׳האָב מער קיין שוועסטער, קיין
ברידער —
ניטאָ וועמען שרייבן — שרייב איך
לידער״ א.א.וו.

אין דער זאַמלונג גייען אויך אריין אייניקע ישראל־לידער, נאַטור־בילדער, אַ ליד געווידמעט דעם דיכטער א. סוצ־קעווער צו זיין באַזוך דאָ אין דרום־אפרי־קע, אַן עכאָ פון איר קינדהייט „ליטע־לאַנד״, און צום סוף אַן אויטאָביאָגרא־פישע פּאָעמע „מיין לעבן״ אין וועלכע די שרייבערין גיט דעם לייענער די וויזיט־קאַרטן פון אירע האָרעפּאַשנע עלטערן, סביבה און פון זיך גופא.

ווי אַן עפּילאָג, גאָר צום סוף, קומט י. ש. יודעלאָוויצעס אַן אָפּשאַצונג פון חיה פעדלערס ליטערארישן אָנהויב.

צו דער מאָגערער רשימה פון יידישע געדרוקטע ביכער אין דרום־אפריקע איז צוגעקומען א ביכל לידער פון חיה פעד־לער, מיט אירע אייגנארטיקע „שטילע געזאַנגען״.

פ. זיגלבוים

(„אונדזער וואָרט״, פּאַריז — 19/5/1951)

אין יאָהאַנעסבורג איז לעצטנס דער־שינען א ביכל לידער א.נ. „שטילע גע־זאַנגען״ פון חיה פעדלער.

דאָרט געפינט זיך א ליד א״נ „פאַר־וואָס איך שרייב״

און אָט:

„כ׳האָב מער קיין שוועסטער קיין
ברידער —
נישטאָ וועמען שרייבן — שרייב
איך לידער...״

עס געפינט זיך אויך אין ביכל א האַר־ציקע באַגריסונג פון פריינט י. ש. יו־דעלאָוויץ, שרייבט ער כהאי לישנא:

„די קינדער (פון חיה פעדלער —א.ז.*) מעגן שטאָלץ זיין אויף דעם ביכעלע און באַזונדערס מיר, די זשאַגערער לאַנדס־לייט״.

נישט אזוי באַשיידן פריינט י. ש. יו־דעלאָוויץ.

מיר אלע, לאַנדסלייט פון וואַרשע, ווִיל־נע, קאָוונע און אנדערע מזרח־אייראָפּע־אישע שטעט זיינען אויך שטאָלץ און באַגריסן דעם נייעם ליטעראַרישן צו־וואַקס אין יאָהאַנעסבורג הבירה.

---

*) א. זוכער — דער נאָמען פון שריי־בער.

(South African Jewish Times — 4/5/1951.)

A novel Silver Wedding present has been given to his wife by Mr. S. Fedler, of Johannesburg. For years, Mrs. Chaya Fedler has been writing poems in Yiddish, and Mr. Fedler, who is a well-known city printer, decided to print a selection of them in book form in honour of the occasion. The little volume "Shtille Gezangen", is attractively produced, and in addition to being an unusual Silver Wedding present, will help the I.U.A. and the Zagerer Landsleit Relief Fund, between which the proceeds realised by the sale of the book will be divided.

In a modest preface, Mr. Fedler asks the reader to approach the poems in the spirit in which they were written. Their author, he said, did not visualise them as a contribution to Yiddish literature, but purely as the expression of warm human emotions, written more for her own family circle and friends than for any other object.

The poems are simple lyrics, expressive of everyday moods and subjects — the family circle, family love, friendship, reactions to the proclamation of Israel, etc. The volume concludes with a longer poem "Mein Lebn" and a congratulatory essay by Mr. J. S. Judelowitz, entitled a '"Hearty Greeting."

* * *

("Zionist Record"—8/6/1951.)

Mrs. Chaya Fedler's "Quiet Songs" (Shtille Gezangen) are meant to commemorate her Silver Wedding and to benefit I.U.A. funds. They are not ambitious poems either in approach or theme but they have a sinecrity of mood which does much to counterbalance the lack of stature. Mrs. Fedler includes one poem which makes clear in a charming way the impulse that prompted her short and simple pieces. Having no longer any close relatives to whom she can write, she has turned to songs.

זכרונם לברכה

משה וואָלאָזשינסקי ע״ה

ווי אַ שיף אויפן ים — צום ברעג ניט דערגאַנגען,
אַן ענד צו אידייען — א סוף צו פאַרלאַנגען.
קיין זאַך ניט פאַרענדיקט — געבליבן אין מיטן,
דער טויט האָט אַ בליענדן לעבן פאַרשניטן...
וויפל האָבן מענטשן געקענט נאָך געניסן
פון זיינע קענטעניש? — אַ קוואַל פון וויסן.
פון אידישער ווילנע „ירושלים דליטא״
געשעפּט זיין וויסן — געשפּייזט יעדער שיטה.
פלעגן מענטשן היימישע גייסטיק זיך נערן,
ווען צו אַ פאָרטראַג געקומען אים הערן.
מיט אַן איידעלן שמייכל אויף דעם פּנים דעם בלייכן —
דערהויבן זיך אָפט צו גייסטיקע הויכן.

אַנשטאָט בלומען — אַ פּאָר שורות ווערט היינט דאָ פאַרשריבן,
אַ ליכטיקער אָנדיינק — ביי יעדן פאַרבליבן...

געדרוקט אין „אפריקאַנער אידישע צייטונג״
5־טער אָקטאָבער, 1951.

אברהם רייזין ע״ה

(אויף זיין פרישן קבר)

מיט געבויגענע קעפ מיר שטייען דאָ היינט —
מיט טרויער אין האַרצן נאָך טייערן פריינט.
געקומען ס׳איז די שרעקלעכע שעה —
דער באַליבטער אברהם רייזין איז שוין ניטאָ...

זיין פאָלק האָט ער געטריי געדינט,
און גרויס ליבע צו זיך פאַרדינט.
באַזונגען אין לידער האָט ער אזוי שיין
פון אַרבעט, אָרעמקייט, ליידן און פיין.

„אין אַ געזינט זאַלבע אַכט״ — געשילדערט די נויט,
ווי אַן אָרעמע מאַמע עס ווינטשט זיך דעם טויט.
זי מיינט מיטן אַן אמת — „עס איז ניט קיין וואונדער,
כאָטש ענג איז אין קבר — דאָך ליגט מען באַזונדער״.

אברהם רייזין געווען איז פון לעבן אַ מידער,
דאָך מונטער געקלונגען ס׳האָט זיינע לידער.
מיט נאָמבערג׳ן און אַש׳ן געהערט צו די „דריי״
די אידישע ליטעראַטור געדינט אזוי טריי...

באָריס גערשמאַן ע״ה

(אויף זיין פרישן קבר) —

אויף אַפריקע׳ס באָדן, ווי האַרטער גראַניט —
דאָס אידיש וואָרט ער האָט דאָ געשמידט.
ווי ליכטיקער פאַקעל אין פינצטערער נאַכט —
אידישע צייטונג האָט ליכטיק געמאַכט.

הגם אידן היימישע — מיט אידיש וואָרט זיך ניט געשעמט,
דאָך ווי אַ „שטיף־קינד״ געוואַקסן דאָ פרעמד.
באָריס גערשמאַן מסירת־נפש׳דיק האָט זיך געמיט —
אַ אידישע צייטונג אינעם לאַנד זיך צעבליט.

נאָך פלענער פיל גרויסע צום פאַרווירקלעכן פאַרטראַכט, —
פלוצלונגער טויט האָט צו גאָרנישט געמאַכט.
בלייבט אידישע צייטונג אַ הערלעכער מאָנומענט —
אַ טרייסט און אַ כבוד פאַר יעדן וואָס האָט אים געקענט.

גערדרוקט אין „אַפריקאַנער אידישע צייטונג״ — צו שלושים — 8־טן מאַי, 1953.

עפּיטאַפיע

געווען אַ פרוי אַ פּשוטע
אזוי ווי אַלע ווייבער,
געשטאָרבן פון אַ שוואַכקייט —
פון ווערן זיין אַ שרייבער.

פונעם גאַנצן לעבן,
וואָס זי האָט געקליבן
אין אַ דינעם העפטל —
לידער איז פאַרבליבן.

אָנגעשריבן, אפילו, אליין
די פּאָר שורות פאַר איר שטיין.

„די חכמים האָבן געזאָגט װעגן א מענטשן װאָס האָט אָנגע־
שריבן א בוך און לאזט אים איבער נאָך זיך, נאָך דעם װי ער
איז שוין מער ניטאָ אויף דער װעלט, אז ער איז איינער װאָס
רעדט פון קבר"

— ד"ר אבא הלל סילווער

מײַן פֿאָטער ז״ל

ווען דער גאַנצער מאַטעריאַל פֿון דער אויסגאַבע איז שוין געווען פֿאַרטיק צום דרוק, איז צו מיר אָנגעקומען די ידיעה, אַז מײַן פֿאָטער ר׳ יצחק־אבא ז״ל איז נפֿטר געוואָרן דעם צווייטן טאָג פּסח תשי״ד, אין טיפֿן עלטער פֿון 86 יאָר, אין דער שטאָט גאָרקי (ניזשני נאָווגאָראָד), סאָוויעטן־פֿאַרבאַנד.



מײַן פֿאָטער איז געווען אַ זעלטענער טיפּ איד, כּל־ימיו אַ האָרעפּאַשניק. אַ דאַנק זײַן גרויסער תשוקה צו לערנען, איז ער געוואָרן אַ מופֿלג בתּורה, און איז אַלס אַזעלכער, ווי אויך אַלס גרויסער בעל־מדות, באַליבט געווען בײַ אַלע וואָס האָבן אים געקענט.

איך פֿאַרצייכן דאָ זײַן ליכטיקן אָנדענק מיט דעם מערקווירדיקן עפּיזאָד אין מײַן לעבן, אין שייכות מיט מײַן קומען קיין דרום אַפֿריקע.

געווען איז דאָס אין יאָר 1926.

צוליב אייניגע טעמים האָב איך ניט געוועלט אויסבײַטן די אידישע קאָוונע אויף דער „גאָלדענער אַפֿריקע״ און קומען אַהער (אַ געלעגנהייט, וועלכע איז מיר דאַן געגעבן געוואָרן פֿון מײַן פֿאָטער׳ס צוויי ברידער אין ראַנדפֿאָנטיין, טראַנסוואַל).

הגם מײַן אַוועקפֿאָרן האָט פֿאַר מײַן פֿאָטער געמיינט אַ סך באַשווערן זײַן אייגענעם לעבן (דערצו בין איך בײַ אים געווען אַ בן־יחיד), האָט ער דאָך מקריב געווען זײַן אייגענעם איך און מיך אַוועקגעשיקט, מיט דער האָפֿענונג, אַז מיר וועט זײַן בעסער.

איך האָב זיך דאַן דורכגעשריבן מיט מײַנעם אַ חבֿר און אים געפֿרעגט אַן עצה אויב איך זאָל קומען אַהער. קיין ענטפֿער אויף מײַן בריוו האָב איך ניט באַקומען...

דעם טאָג פון מיין אַוועקפאָרן, אָבער, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ בריוו פון מיין חבר, אין וועלכן ער האָט מיר זייער שטאַרק אָפּ־געראַדט פון קומען אַהער, און מיט די ווערטער: „אויב דו האָסט נאָך אַ שטיקל מזל — זאָל דער בריוו אָנקומען איידער דו בינסט אַרויסגע־פאָרן, וואָרום אין קעגנפאַל איז אויף דיר אַ גרויסער רחמנות״. מיין פאָטער האָט דעם בריוו פון מיר אויסבאַהאַלטן.

דאָס געזעגענען זיך מיט מיין פאָטער איז מיר געבליבן איינגע־קריצט אין זכרון.

צו דער גאָר שטאַרקער איבערלעבעניש, איז, אַלס צוגאָב, געווען דער פאַרדרוס און מיין „געראַכטע טענה״, הלמאי ער נעמט אויף זיך אַזאַ אחריות צו באַשליסן מיין גורל, דורכן אויסבאַהאַלטן פון מיר מיין חבר׳ס בריוו.

מיין פאָטער׳ס ווערטער צו מיר זיינען דאַן געווען און דאָס זיינען די לעצטע ווערטער, וועלכע מיין פאָטער האָט צו מיר גע־רעדט מינדלעך:

„איך האָב דעם בריוו געוועלט פאַרברענען, כדי עס זאָל אין דיינע הענט ניט אַריינפאַלן. כ׳האָב אָבער באַשלאָסן דאָס בעסער אויסצובאַ־האַלטן און ווען דיר, מיין זון, וועט אי״ה אַמאָל זיין גוט אין אַפריקע — וועל איך דיר דעם בריוו צושיקן. פאָר געזונט און זיי מצליח״.

אין איינציגע חדשים שפּעטער איז אים אויך אויסגעקומען זיך צו שיידן מיט זיין ליבלינג־שנור חיה׳ן.

אין מאָמענטן ווען עס איז מיר געווען באמת גוט און בשעת אַ שמחה אין מיין הויז, האָב איך זיך איינגעפּירט אַ טראַדיציע צו דערציילן וועגן מיין פאָטער׳ס האַנדלונג בנוגע מיין קומען קיין דרום אַפריקע און פאַר־צולייענען מיין חבר׳ס בריוו, וועלכער געפינט זיך ביי מיר ביז היינט צו טאָג.

וואָלט מיין פאָטער אין יענעם מאָמענט געהאַנדלט לויט מיין שכל — דאַן וואָלט איך און מיין משפחה, אפשר, געווען פון די זעקס מיליאָן אומגעקומענע אין דער דייטשער אויסראָטונג פון אידן אין איראָפּע.

זיבן און צוואַנציק יאָרן — ליכטיקע זכרונות פון גליקלעכע טעג — האָב איך צו פאַרדאַנקען מיין פאָטער ז״ל מיט דעם, וואָס אויב ניט פאַרויסגעזען, איז מיט עפּעס פאַראויסגעזאָגט, וואו עס איז פאַר מיר די צוקונפט....

* * *

ביידן, מיינע טייערסטע, האָב איך אין דעם זעלבן יאָר אָנגעוואָרן: חיה׳ן — דעם פערטן טאָג חול־המועד סכות, און מיין פאָ־טער — דעם צווייטן טאָג פסח, תשי״ד.

א. ש. פעדלער

אינהאַלט:

פאָטאָגראַפיעס און רעפּראָדוקציעס פון אונדזער פריינט מ. קאַרקלין.

ז״ז

וויי פאַרוועלקטע בלעטער — 4

פאַרוואָס איך שרייב — 6

מאַמע־לשון — 7

פאַרוואָרט — 9—11

גראָע קאַנווע — 12

פרילינג מאָטיוון — 13—15

שיינע צייט — 16—17

רעגן — 18

האַרבסט מאָטיוון — 19—20

אַ ווינטער נאַכט — 21

ביים ים — 22

אין דערבאַן — 23

שטילע פונקען — 24

זון ניט פאַרגיי — 25

ליכט און שאָטן — 26

אַ מאָדנע וועלט — 27

די וועלט — אַ יאַריד — 28

וואָס אַוועק איז אוועק... — 29

אַנטוישונג — 30

אַ טרייסט אזא... — 31

אין שפּיטאָל — 32

נאַציאָנאַלע מאָטיוון:

מדינת ישראל — 34—36

יום העצמאות — 37

מאַרטירער וואַלד — 38—39

דר. חיים ווייצמאַן — 40

אברהם סוצקעווער — 41

אַפריקאַנער מאָטיוון:

ז״ז

גאָלד — דיין שטויב — 44
פאַרבן־שפּיל — 45
יאָהאַנעסבורג — 46
שוואַרץ־הויטיקע ריזן — 47
שוואַרץ — 48

לידער פון דער היים:

דער לעצטער בריוו — 50
מיין זשאַגער — 51
זשאַגער — 52, 53, 57
מיין היים — 54, 56
אַ חלום — 58
ליטע־לאַנד — 59
נקמה — 60

שפּאַס און הומאָר:

קורץ אזוי דער לעבנס־וועג — 62
מיינע לידער אויסגעבעסערט — 63
געסט... — 64
אַ גוטער פריינט... — 65
קאָוונער לאַנד־שדכן — 66, 68
קולטור־פעדעראציע — 69
לייען־קרייזן — 70, 71
אַ ברוך־הבא אונדזער „טשערמאַן" — 72, 74
מיוזענבערג — 75
אַ בריוו צו אַ פריינט — 76, 77
מיינע ציינער — 78
„מייפער" — 79, 82

פאַמיליען אַלבאָם:

מיין לעבן — 84, 91
רחל׳ען — 92
אַ טישטוך — 93
ווידמונגען — 94, 95
רחל׳ס חתונה — 96, 97
דוד׳לס בר־מצוה — 98, 99

מיין בר־מצוה — — — — — — — — — — — — — — — 100—103
אונדזער זילבערנע חתונה — — — — — — — — — — — — — 104—
זיבן און צוואַנציק יאָר — — — — — — — — — — — — — 105—
„עדיטה קאָוועל נוירסינג־האָום״ — — — — — — — — — — 106—
פופציק יאָר — — — — — — — — — — — — — — — 107—
אוועק זיינען די יאָרן — — — — — — — — — — — — — 108—

צום דערשיינען פון שטילע געזאַנגען:

אויסצוגן פון דער פרעסע — — — — — — — — — — — — — 110—114

זכרונם לברכה:

משה וואָלאָזשינסקי — — — — — — — — — — — — — 117—
אברהם רייזין — — — — — — — — — — — — — — — 118—
באָריס גערשמאַן — — — — — — — — — — — — — — 119—
עפּיטאַפיע — — — — — — — — — — — — — — — — 120—121
מיין פאָטער — — — — — — — — — — — — — — — 122—124

דרוקעריי: א. ש. פעדלער, יאָהאַנעסבורג, דרום־אַפריקע